בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

ספֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה אוּן
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל - פְּקוּדֵי

תש"פ

היכל הקודש

## צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

**היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי**
**Heichal Hakodesh Kiryas Breslev**
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
**Heichal Hakodesh Williamsburg**
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

**היכל הקודש קרית יואל**
**Heichal Hakodesh Kiryas Joel**
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

**היכל הקודש קרית יואל**
**Heichal Hakodesh Kiryas Joel**
8 Premishlan Way
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

**היכל הקודש בארא פארק**
**Heichal Hakodesh Boro Park**
1011 41st Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

**היכל הקודש מאנסי**
**Heichal Hakodesh Monsey**
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

Visit Our Web Site:
www.BreslevCenter.com

**צו הערן די הערליכע שיעורים**
**פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:**

**קול ברסלב**
**212-444-9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212-444-9169**

## חיזוק יומי

**צו באקומען די חיזוק יומי**

**אימעיל**
chizikyomi@gmail.com

**טעלעפאון מעסידזשינג**
347-630-2876

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


קֶענְט אִיר מִיר גֶעבְּן חִיזּוּק אָנְצוּגֵיין מִיט מַיין שִׁיעוּר אִין גְמָרָא?......א

דַארְף אִיךְ טַאקֶע אַוֶּועקְוַוארְפְן מַיין סְמַארְטְפָאוֹן? .......................... ב

וָואס אִיז דִי עֵצָה צוּ בְּלַייבְּן מְקוּשָׁר צוּם צַדִיק?.............................ד

אִיז דֶעם רֶבִּינְ'ס צִיוּן אוֹיךְ גֶעמַאכְט פַאר פְרוֹיעֶן? ........................ו

זָאל אִיךְ שֶׁערְן דִי הָאר, כָאטְשׁ עֶס אִיז נִישְׁט אַייְנְגֶעפִירְט אִין מַיין מִשְׁפָּחָה?..........................................................................................ז

זָאל אִיךְ כָאלְגְן מַיין טַאטֶע אוּן אַרָאפְּנֶעמֶען מַיין בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת?ח

וָואס טוּט מֶען וֶוען מֶען קֶען זִיךְ אַלֵיין נִישְׁט לַיידְן?......................י

אִיךְ הָאבּ אַלֶעס פַארְלוֹירְן, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ מְחַזֵק זַיין?...........יג

אִיךְ הָאבּ שְׁרֶעקְלִיכֶע פְּחָדִים פוּן דִי קָארָאנֶע וֵוייְרוּס, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ דֶערְהַאלְטְן?..........................................................יז


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


נָאר דִי תּוֹרָה וָואס מֶען לֶערְנְט בְּלַייבְּט מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ ...................א

הֶעלְפְטְס וַוייטֶער דֶעם רֶבִּינְ'ס מוֹסָד ...................................א

דַארְפְסְט נִישְׁט קֶענֶען לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ.......................................ב

נֶעם אַרוֹיס פוּן דַיין קָאפּ דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת .........................ב

אַ שִׁיעוּר אִין סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה .........................................ג

דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְגְט אַרַיין סְפֵיקוֹת אוֹיבּ מֶען אִיז גוּט ..................ג

פִיר גוּטֶע דָאקְטוֹרִים.........................................................ד

וָואס צוּ טוּן פַאר'ן טַאטֶע'ס נְשָׁמָה........................................ד
עֵצוֹת צוּ וֶוערְן פְרֵיילִיךְ.............................................ה
הֶעלְפְן אַרָאפְּנֶעמֶען דִי גְרוֹיסֶע לַאסְט פוּן חוֹבוֹת פוּן דִי מוֹסְדוֹת.......ו
אָנְגְרֵייטְן דִי סְעוּדוֹת פּוּרִים אוּן שׁוּשַׁן פּוּרִים........................ז
שְׁטֶעל אַהֶער אַ שֵׁיינֶע פְּלֶעי אוֹיף שׁוּשַׁן פּוּרִים..........................ז
אָנְגְרֵייטְן מוּזִיק פַאר פּוּרִים אוּן פַאר דִי חֲתוּנוֹת ..........................ח
מֶען דַארְף מְחַנֵךְ זַיין קִינְדֶער צוּ דַאוֶוענֶען ..............................ח
פָּטוּר וֶוערְן פוּן עֲמָלֵק................................................ט
קַיין יֵאוּשׁ אִיז נִישְׁט פַארְהַאנֶען! ......................................י
וִוי אַזוֹי אוֹיסְצוּנוּצְן דִי טֶעג פוּן תַּעֲנִית אֶסְתֵּר אוּן פּוּרִים. ...........יא
מִיר דַארְפְן טְרִינְקֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל פוּן דִי גוּטֶע מַשְׁקֶה..............יג
וִוי אַזוֹי גֶעבְּט מֶען זִיךְ אַן עֵצָה מִיט דִי קָארָאנֶע-וֵוירוּס?.............יד
פָּרָשַׁת פָּרָה רֵייניגְט מֶען זִיךְ אוֹיף יוֹם טוֹב פֶּסַח. ..................... טו
לֶערְנְ תּוֹרָה יֶעדְן טָאג וֶועסְטוּ וֶוערְן אָפְּגֶעהִיטְן פוּן דִי קְרֶענְק. .........יז
נָאר אֱמוּנָה וֶועט אַוֶועק נֶעמֶען דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע מַחְלָה. .................יח
דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל אַז מִיר זָאלְן זִיךְ מַכְנִיעַ זַיין פַאר אִים........יט
גֵיין אִין מִקְוֶה פַאר'ן שְׁרַייבְּן סִפְרֵי תּוֹרָה, תְּפִלִּין, אוּן מְזוּזוֹת .........כא
אַ תְּפִלָּה צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיבֶּער דִי קָארָאנֶע וֵוירוּס.....כא
הֶער נִישְׁט קַיין נֵייעֶס אוּן פַאלְאוּ נִישְׁט סָאוֹשֶׁעל מִידִיעֶ..............כג
הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק נִישְׁט צוּ וֶוערְן דֶערְשְׁרָאקְן ..........................כד
עֶס קוּמְט שׁוֹין אָט אָט גְרוֹיסֶע נִיסִים. ......................................כה
דוּרְךְ פַאטְשְׁן אוּן טַאנְצְן נֶעמְט מֶען אַרָאפּ אַלֶע דִינִים פוּן אִידְן......כו

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## קֶענְט אִיר מִיר גֶעבְּן חִיזוּק אָנְצוּגֵיין מִיט מַיין שִׁיעוּר אִין גְּמָרָא ?

### שְׁאֵלָה :

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ ה' אָנְגֶעהוֹיבְּן א שִׁיעוּר אִין שַׁ"ס מִיט דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אוֹיסֶער אַנְדֶערֶע שִׁיעוּרִים אִין גְּמָרָא וָואס אִיךְ הָאבּ יֶעדְן טָאג בָּרוּךְ ה'.

אִיךְ דַארְף אַ בְּרָכָה אוּן חִיזוּק וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין מִיט מַיינֶע שִׁיעוּרִים.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה :

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ח' אֲדָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

ווארויל אִיז דִיר וָואס דוּ לֶערְנְסְט יֶעדְן טָאג דֶעם בְּלַאט גְּמָרָא, דָאס וֶועט דִיר רַאטֶעוֶועט פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס. דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ז) דֶער בַּארְג הָאט גֶעזָאגְט פַארְ'ן קֶענִיג אַז עֶר דַארְף נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן דִי אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס וִוילְן אִים הַרְגְ'נֶען: "כָּל זְמַן דֶער דַף בַּאשִׁיצְט דִיר דַארְפְסְטוּ קַיין מוֹרָא נִישְׁט הָאבְּן"; דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְ'ן דַף גְּמָרָא, וֶוען מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְּמָרָא וֶוערְט מֶען גֶערַאטֶעוֶועט פוּן שְׁלֶעכְטְס.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט תּוֹרָה וֶועט אִים דִי תּוֹרָה הֶעלְפְן אִין אַלֶע שְׁוֶוערֶע מַצָּבִים, אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל דֶערְצֵיילְן (חֲגִיגָה טו:) אַז דֶער טָאכְטֶער פוּן אַחֵר (- אַ תַּנָּא וָואס אִיז גֶעוָוארְן אַן אַפִּיקוֹרֶס) אִיז גֶעקוּמֶען צוּ רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ, זִי הָאט גֶעבֶּעטְן: "רֶבִּי,

פַּרְנָסֵנִי״, רֶבִּי גֶעבְּט מִיר עֶפֶּעס עֶסְן, הָאט רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ אִיר גֶעפְרֶעגְט: ״בַּת מִי אַתְּ?״ וֶועמֶענְס טָאכְטֶער בִּיסְטוּ? הָאט זִי גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״בִּתּוֹ שֶׁל אַחֵר אֲנִי״, אִיךְ בִּין אַ טָאכְטֶער פוּן אַחֵר, הָאט רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ גֶעזָאגְט מִיט וואוּנְדֶער: ״עֲדַיִן יֵשׁ מִזַּרְעוֹ בָּעוֹלָם?״ עֶר הָאט נָאךְ קִינְדֶער דָא אוֹיף דִי וֶועלְט? עֶס שְׁטֵייט דָאךְ (אִיּוֹב יח, יט): ״לֹא נִין לוֹ וְלֹא נֶכֶד בְּעַמּוֹ וְאֵין שָׂרִיד בִּמְגוּרָיו״, עֶס וֶועט נִישְׁט בְּלַייבְּן קַיין קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ פוּן דֶעם רָשָׁע! הָאט זִי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ אוּן אִים גֶעבֶּעטְן: ״זְכֹר לְתוֹרָתוֹ וְאַל תִּזְכֹּר מַעֲשָׂיו״, אִיךְ בֶּעט דֶעם רֶבִּי׳ן זָאל גֶעדֶענְקֶען דִי תּוֹרָה וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט אוּן נִישְׁט גֶעדֶענְקֶען זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים. וֶוען זִי הָאט דָאס אַרוֹיס גֶעזָאגְט אִיז אַרָאפּ גֶעקוּמֶען אַ פֵייעֶר פוּן הִימְל אוּן פַארְבְּרֶענְט דָאס בֶּענְקְל פוּן רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ, זִיךְ אָנְצוּנֶעמֶען פַאר אִים, הָאט רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ זֵייעֶר גֶעוֵויינְט אוּן גֶעזָאגְט: ״וּמָה לַמִתְגַּנִּין בָּהּ כָּךְ - לַמִשְׁתַּבְּחִין בָּהּ עַל אַחַת כַּמָּה וְכַמָּה״, מַה דָאךְ וֶוען אַ רָשָׁע לֶערְנְט תּוֹרָה קוּמְט דִי תּוֹרָה אוּן נֶעמְט זִיךְ אָן פַאר אִים, אִיז דָאךְ אַוַדַאי אוּן אַוַדַאי וֶוען עֶרְלִיכֶע אִידְן וָואס גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן לֶערְנֶען תּוֹרָה, וֶועט זִיךְ זִיכֶער דִי תּוֹרָה אָנְנֶעמֶען פַאר זֵיי.

זַיי שְׁטַארְק מִיטְ׳ן בְּלַאט גְמָרָא אַזוֹי וִוי לֵייגְן תְּפִילִין; מוֹהֲרַא״שׁ בְּרֶענְגְט פוּן דֶעם גְרוֹיסְן גָאוֹן רֶבִּי שֶׁעפְּטִיל זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, דֶער זוּן פוּנֶעם שְׁלָ״ה הַקָּדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס עֶר שְׁרַייבְּט אִין זַיין צַוָואָה (בְּסוֹף סֵפֶר יֵשׁ נוֹחֲלִין): ״לֶערְנֶען אַ בְּלַאט גְמָרָא יֶעדְן טָאג דַארְף זַיין אַ חִיוּב פַארְ׳ן מֶענְטְשׁ אַזוֹי וִוי אָנְטוּן תְּפִלִין יֶעדְן טָאג״.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### דַארְף אִיךְ טַאקֶע אַוֶועקְוַוארְפְן מַיין סְמַארְטְפָאוֹן?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הֶער אַזוֹיפִיל מָאל בַּיי שִׁיעוּרִים וִוי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט אִיבֶּער דִי שֶׁעדְלִיכְקֵייט פוּן הָאבְּן אַ סְמַארְטְפָאוֹן, דָאס גֶעבְּט מִיר חֵשֶׁק אַוֶועקְצוּוַארְפְן מַיין סְמַארְטְפָאוֹן, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט פַארְשְׁטֵיי אִיךְ נִישְׁט מִיט מַיין קְלֵיינֶעם קָאפּ וָואס עֶס אִיז אַזוֹי שְׁלֶעכְט מִיט דֶעם.

אִיךְ דַארְף עֶס טַאקֶע נִישְׁט פַאר בִּיזְנֶעס, אָבֶער אִיךְ הָאב אַ גוּטֶער פִילְטֶער דֶערוֹיף, און אִיךְ נוּץ עֶס זִיךְ אוֹיסְצוּלוּפְטֶערְן, צוּ שְׁפִּילְן גֶעיְמְס, קוּקְן ווידיאָס, הֶערְן מוּזִיק, שְׁרַייבְּן נָאטִיצְן, מַאפֶּעס, נַייעֶס, און אַזוֹי וַוייטֶער, און אַסַאךְ מָאל נוּץ אִיךְ עֶס אוֹיךְ צוּ לֶערְנֶען דֶערוֹיף.

עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר בַּאקְוֶועם, וַוייל אִיךְ קֶען אַלְץ בַּאקוּמֶען אַלֶע אִינְפָארְמַאצְיֶע וָואס אִיךְ וִויל. אִיךְ נוּץ עֶס נִישְׁט פַאר שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, און דֶערְפַאר וִויל אִיךְ פְרֶעגְן אוֹיבּ אִיךְ זָאל עֶס טַאקֶע אַוֶועקְוָוארְפְן, אָדֶער קֶען אִיךְ עֶס וַוייטֶער הַאלְטְן.

אִיךְ וֶועל טוּן וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר הֵייסְן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת תְּצַוֶּה, ח׳ אֲדָר, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וֶוען דוּ זָאלְסְט וִויסְן וִויפִיל צָרוֹת דֶער אִינְטֶערְנֶעט בְּרֶענְגְט אִין אִידִישֶׁע שְׁטוּבֶּער - וָואלְסְטוּ דָאס נִישְׁט גֶעהַאלְטְן קַיין אֵיין טָאג מִיט דִיר. אִינְטֶערְנֶעט אִיז אַ צָרָה פַאר אוּנְזֶער דוֹר, דָאס הָאט שׁוֹין חָרוּב גֶעמַאכְט זֵייעֶר אַסַאךְ אִידִישֶׁע שְׁטוּבֶּער; אָן אַ שִׁיעוּר אִידִישֶׁע שְׁטוּבֶּער זֶענֶען שׁוֹין צֶעבְּרָאכְן גֶעוָוארְן פוּן דֶעם.

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפְן אַ גְרִינְגֶע וֶועג וִוי אַזוֹי עֶר קֶען אַרָאפּ וַוארְפְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער גְרִינְגֶערְהֵייט; אַנְשְׁטָאט דַארְפְן אַרְבֶּעטְן אוֹיף מֶענְטְשְׁן זֵיי שְׁלֶעפְּן אוֹיף נִישְׁט גוּטֶע פְּלֶעצֶער, הָאט עֶר הַיינְט אַ גְרִינְגֶע וֶועג, עֶר רֶעדְט צוּ אַ בָּחוּר עֶר זָאל זִיךְ קוֹיפְן אַ סְמַארְט-פָאוֹן אָדֶער אַ טֶעבְּלֶעט וְכַדוֹמֶה לָזֶה, און עֶר דַארְף שׁוֹין מֶער נִישְׁט אַרְבֶּעטְן אִים צוּצוּרֶעדְן צוּ עֲבֵירוֹת, מֶען דַארְף שׁוֹין נִישְׁט גֵיין אִין עֶרְגֶעץ, מֶען זִיצְט אִין שְׁטוּבּ אָדֶער אִין אָפִּיס וְכַדוֹמֶה בַּאהַאלְטֶענֶערְהֵייט און מֶען קוּקְט אַלֶע שְׁמוּץ וָואס אִיז פַארְהַאן אוֹיף דִי וֶועלְט רַחְמָנָא לִצְלָן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, זֵיי נִישְׁט קְלוּגֶער פוּן מוֹהֲרַא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ און אַלֶע אַנְדֶערֶע צַדִיקִים וָואס הָאבְּן אַזוֹיפִיל גֶערֶעדְט מֶען זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין שׁוּם שַׁייכוּת מִיט דֶעם, וַוייל דָאס נֶעמְט אַוֶועק דִי לֶעבְּן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ. אַזוֹי וִוי רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן הָאט גֶעזָאגְט: ״דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם וִויל נִישְׁט צוּנֶעמֶען פוּנֶעם מֶענְטְשׁ בְּלוֹיז זַיין רוּחְנִיוּת, עֶר וִויל אִים אוֹיךְ צוּנֶעמֶען זַיין גַשְׁמִיוּת - זַיין לֶעבְּן

אוֹיף דִי וֶועלְט, עֶר וִויל אִים הַרגְ'עֶנֶען אִינְגַאנְצְן"; דָאס פַּאסִירְט וֶוען מֶען קוּקְט שְׁמוּץ רַחְמָנָא לִצְלָן, מֶען פַארְלִירְט דֶעם מֹחַ, אוּן אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין מֹחַ הָאט מֶען גָארנִישְׁט, פְּרֶעג אִיךְ דִיר: "צִי וָואס דַארְפְסְטוּ דֶעם צָרָה?!"

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט אָנְנֶעמֶען דִי וֶוערְטֶער, דוּ וֶועסְט אַוֶועק וַוארְפְן דַיינֶע כֵּלִים; דוּ דַארְפְסְט עֶס נִישְׁט הָאבְן, דוּ שְׁרַייבְּסְט אַלֵיינְס אַז דוּ דַארְפְסְט עֶס נִישְׁט פַאר פַּרְנָסָה.

...

## וָואס אִיז דִי עֵצָה צוּ בְּלַייבְּן מְקוּשָׁר צוּם צַדִיק?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי הֶערְלִיכֶע בְּרִיוְון, עֶס אִיז מִיר אַזוֹי שְׁטַארְק מְחַזֵק. אוּן סְפֶּעצִיעֶל אַ יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי הֶערְלִיכֶע טֶעגְלִיכֶע שִׁיעוּרִים, עֶס הָאט גֶעטוֹישְׁט מַיין לֶעבְּן. אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט אַסַאךְ מַסֶכְתּוֹת הַשַ"ס, אוּן אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט אַסַאךְ מָאל מִשְׁנָיוֹת.

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַ ווִידְאוֹ פוּן מוֹהֲרַא"שׁ זי"ע, אִיךְ דֶערְקֶען דָארְט מֶענְטְשְׁן וָואס מֶען זֶעט זֵיי שׁוֹין נִישְׁט מֶער אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, אִיךְ צִיטֶער אִיךְ זָאל ח"ו נִישְׁט קַאלְט וֶוערְן אוּן אוֹיךְ אִיבֶּערְלָאזְן דִי הֵיילִיגֶע פְּלַאץ, וָואס אִיז דִי עֵצָה צוּ בְּלַייבְּן מְקוּשָׁר צוּם צַדִיק?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת תְּצַוֶה, ט' אֲדָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן סב): "יֶעדֶעס מָאל מֶען קוּמְט צוּם צַדִיק דַארְף עֶס זַיין מִיט אַ פְּרִישְׁקֵייט, מֶען זָאל טְרַאכְטְן 'דָאס אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל וָואס אִיךְ גֵיי צוּם צַדִיק'"; מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען וֶוער מֶען אִיז, ווִי אַזוֹי מִיר קוּקְן אוֹיס אָן דֶעם רֶבִּי'ן, דֶעמָאלְט וֶועט מֶען בְּלַייבְּן שְׁטֶענְדִיג מְקוּשָׁר צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

אַז דוּ ווִילְסְט בְּלַייבְּן מְקוּשָׁר צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן זָאלְסְטוּ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין יֶעדְן טָאג; זָאלְסְט יֶעדְן טָאג דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר וֵוייסְן פוּן אַזַא רֶבִּי וָואס

אִיז אוּנְז מְחַיֶּה, אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט בְּלַייבְּן צוּגֶעבִּינְדְן צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, בֶּעט: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג בְּלַייבְּן צוּגֶעבִּינְדְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט אָפְּקִילְן, מַיין שַׁיְיכוּת צוּם רֶבִּי'ן זָאל זַיין פְּרִישׁ, אִיךְ זָאל נִישְׁט וֶוערְן אָפְּגֶעקִילְט".

נָאךְ אַן עֵצָה צוּ בְּלַייבְּן מְקוּשָּׁר צוּם רֶבִּי'ן, זָאלְסְט זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין רֶבִּינְ'ס סְפָרִים; מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שמט): "יְכוֹלִין לִהְיוֹת נַעֲשֶׂה בַּעַל תְּשׁוּבָה גָּמוּר עַל יְדֵי לִמּוּד הַסֵּפֶר שֶׁלּוֹ", אַז מֶען לֶערְנְט לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ וֶוערְן אַן אֱמֶת'ער בַּעַל תְּשׁוּבָה, "וְאָמַר שֶׁמִּי שֶׁיֵּשֵׁב וְיַעֲסֹק בִּסְפָרָיו רַק בְּלִי קְנְטוּר וְנִצָּחוֹן, וְיִסְתַּכֵּל בּוֹ בֶּאֱמֶת", נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, אַז וֶוער עֶס וֶועט לֶערְנֶען זַיין סֵפֶר מִיט אַן אֱמֶת, "אָז בְּוַדַּאי יִהְיוּ נִבְקָעִין אֶצְלוֹ כָּל גִּידֵי קַשְׁיוּת לְבָבוֹ", וֶועט זִיךְ אִים עֶפֶענֶען אַלֶע פַארְשְׁטָאפְּטֶע אָדֶערְן, עֶר וֶועט וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶע אִיד; וְאָמַר בְּזוּ הַלָּשׁוֹן: "סֶע וֶועט אִים אַלֶע אָדֶערְן טְרֶענֶען".

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען דִי שְׁמוּעֶסְן פוּן רֶבִּי'ן: חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן אוּן שִׂיחוֹת הָרַ"ן; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנח): "מִיט יֶעדֶע שִׂיחָה וָואס אִיךְ שְׁמוּעֶס מִיט עֶנְק קֶען מֶען זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן נִישְׁט סְתַּם אַן עֶרְלִיכֶער אִיד נָאר אַן עֶרְלִיכֶע אִיד אַזוֹי וִוי אִיךְ מַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד".

וּבְעִקָּר זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אָן קַיין אוֹיסְנָאם "סֵפֶר אַשֶׁר בַּנַּחַל"; בְּרִיוּו וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן פַאר אוּנְז. אַז מֶען לֶערְנְט אַשֶׁר בַּנַּחַל אִיז אַזוֹי וִוי מֶען לֶערְנְט אַלֶע סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן אוּן רֶבִּי נָתָן; אַשֶׁר בַּנַּחַל אִיז דֶער תַּמְצִית פוּן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, וֶוען מֶען לֶערְנְט דִי בְּרִיוּו וֶוערְט מֶען צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט אַז מֶען הָאט אַמָאל אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט פַאר רֶבִּי נָתָן דֶעם סֵפֶר 'שְׁנֵי לוּחוֹת הַבְּרִית' פוּנֶעם שְׁלָ"ה הַקָּדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז דָאס אִיז מַמָּשׁ אַ "כָּל בּוֹ", וַוייל עֶס פַארְמָאגְט אִין זִיךְ אַלֶעס: דְּרוּשׁ; חֲסִידוּת וְכוּ'; הָאט זִיךְ רֶבִּי נָתָן אוֹיסְגֶעדְרוּקְט אוֹיף זַיינֶע סְפָרִים 'לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת': "מַיינֶע סְפָרִים אִיז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס גַּן עֵדֶן", וַוייל וֶוען מֶען לֶערְנְט לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת וֶוערְט מֶען אַזוֹי מְחוּזָּק מֶען שְׁפִּירְט זִיךְ וִוי אִין גַּן עֵדֶן; אוּן מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט: "דֶער סֵפֶר אַשֶׁר בַּנַּחַל אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס", וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט טְרֶעפְן נָאךְ אַ סֵפֶר וָואס זָאל זַיין אַזַא שְׁטִיק גֶעטְלִיכְקֵייט אַזוֹי וִוי דֶער סֵפֶר; וואוּ מֶען עֶפְנְט

נָאר אוֹיף דֶעם סֵפֶר, יֶעדֶע אֵיינְצִיגְסְטֶע בְּרִיוו - זֶעט מֶען דִי לוֹיטֶערֶע רֵיינֶע אֱמוּנָה און מֶען הוֹיבְּט אָן בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִיז דֶעם רֶבִּינְ'ס צִיּוּן אוֹיךְ גֶעמַאכְט פַאר פְרוֹיעֶן?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וויל זֵייעֶר שְׁטַארְק פָארְן קֵיין אוּמַאן מִיט מַיין ווייב אִינְמִיטְן דִי יָאר, אִיךְ וויל וויסְן אוֹיב דָאס זָאגְן תִּיקּוּן הַכְּלָלִי בַּיים צִיּוּן אִיז אוֹיךְ גֶעמַאכְט פַאר פְרוֹיעֶן, און וָואס קֶען אִיךְ אִיר זָאגְן אַז זִי זָאל אוֹיךְ וֶועלְן אַהִינְפָארְן מִיט מִיר?

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים און בְּרִיוו, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט וַוייטֶער זוֹכֶה זַיין מְקָרֵב צוּ זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּ אוּנְזֶער טַאטֶע אִין הִימְל.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ט' אֲדָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרַט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רכה) אַז וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ זַיין צִיּוּן, עֶר וֶועט זָאגְן דֶעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי, דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים [קַאפִּיטְל - ט"ז, ל"ב, מ"א, מ"ב, נ"ט, ע"ז, צ', ק"ה, קל"ז, ק"נ] און גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה פַאר זַיין זְכוּת, אֲפִילוּ עֶר הָאט גֶעטוּן דִי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירוֹת: "וֶועל אִיךְ מִיר לֵייגְן אוֹיף דִי לֶענְג און אוֹיף דִי בְּרֵייט אִים אַ טוֹבָה צוּ טוּן, בַּיי דִי פֵּיאוֹת וֶועל אִיךְ אִים אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית", דִי הַבְטָחָה פוּן רֶבִּי'ן אִיז סֵיי פַאר מֶענֶער און סֵיי פַאר פְרוֹיעֶן; וֶוער עֶס קוּמְט קַיין אוּמַאן און זָאגְט דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים וֶועט דֶער רֶבִּי אִים מְתַקֵּן זַיין.

ווארִיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין כָאטְשִׁיג אֵיין מָאל אִין לֶעבְּן בַּיים רֶבִּינְ'ס צִיּוּן, נִישְׁט קַיין חִילּוּק מֶענֶער אָדֶער פְרוֹיעֶן, בָּחוּרִים אָדֶער מֵיידְלֶעךְ; דֶער

רֶבִּינְ׳ס צִיוּן אִיז פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, דֶער רֶבִּי אִיז מְתַקֵן יֶעדְנְ׳ס נְשָׁמָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זָאל אִיךְ שֶׁערְן דִי הָאר, כָאטְשׁ עֶס אִיז נִישְׁט אַיינְגֶעפִירְט אִין מַיין מִשְׁפָּחָה?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הֶער אַסַאךְ בַּיי דִי דְרָשׁוֹת פַאר פְרוֹיעֶן אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר. אִין מַיין מִשְׁפָּחָה אוּן אִין מַיין מַאן'ס מִשְׁפָּחָה אִיז נִישְׁט פַארְהַאן אַזַא זַאךְ, פַארְקֶערְט מֶען אִיז זֵייעֶר מַקְפִּיד זִיךְ נִישְׁט צוּ שֶׁערְן, אוּן מֶען אִיז זִיךְ נִישְׁט מְשַׁדֵךְ מִיט אֵיינֶעם וָואס שֶׁערְט זִיךְ יָא. אָבֶּער נָאכְ'ן הֶערְן אַזוֹיפִיל אִיבֶּער דִי חֲשִׁיבוּת טְרַאכְט אִיךְ אוֹיבּ עֶס אִיז נוֹגֵעַ אוֹיךְ פַאר מִיר, אָדֶער אִיז דָאס בַּיי מִיר וִוי "אַל תִּיטוֹשׁ תּוֹרַת אִמֶּךָ" אוּן אִיךְ טָאר דָאס נִישְׁט טוּן. זָאל אִיךְ בִּכְלַל פְּרוּבִּירְן צוּ רֶעדְן צוּ מַיין מַאן אִיבֶּער דֶעם? כָאטְשׁ וָואס אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז עֶר וֶועט נִישְׁט מַסְכִּים זַיין, אוּן עֶר וֶועט מִיר אָנְקוּקְן זֵייעֶר מָאדְנֶע בְּלוֹיז פַארְ'ן פְרֶעגְן.

בָּרוּךְ ה' אַז אִיךְ בִּין זֵייעֶר מַקְפִּיד אַז עֶס זָאל זִיךְ חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט אַרוֹיסְזֶען מַיין הָאר, עֶס אִיז זֵייעֶר גוּט צוּגֶעדֶעקְט אַזוֹי וִוי מֶען דַארְף. אוּן אוֹיסֶערְדֶעם טוּ אִיךְ נָאךְ אַ מִצְוָה מִיט דִי הָאר, אַז אִיךְ שֶׁער זִיךְ נִישְׁט נָאר עֶרְשְׁט וֶוען עֶס אִיז זֵייעֶר לַאנְג, אוּן דַאן בִּין אִיךְ מְנַדֵב דִי הָאר צוּ נוּצְן פַאר קִינְדֶער וָואס הָאבְּן יֶענֶע מַעֲשֶׂה רַחְמָנָא לִצְלָן, אַז מֶען זָאל דָאס קֶענֶען מַאכְן פַאר זֵיי.

אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן צוּ הֶערְן וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט וֶועגְן דֶעם.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, י״ט אֲדָר, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיר דַארְפְּט נִישְׁט רֶעדְן מִיט אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן פוּן דֶעם אוּן אִיר זֶענְט נִישְׁט עוֹבֵר אוֹיף (מִשְׁלֵי א, ח): ״וְאַל תִּטֹּשׁ תּוֹרַת אִמֶּךָ״ מִיטְ׳ן אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר; פַארְקֶערְט

דָאס וָואס איר שֶׁערְט זִיךְ אָפּ, דָאס איז "וְאַל תִּטּשׁ תּוֹרַת אִמֶּךָ"; וְאַל תִּטּשׁ תּוֹרַת אִמֶּךָ מֵיינְט מֶען נִישְׁט דִי מַאמֶע, מֶען מֵיינְט מֶען זָאל נִישְׁט אָפְּלָאזְן דִי וֶועג פוּן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים, דִי וֶועג פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. אוּן אַז דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים פוּן אַלֶע דוֹרוֹת הָאבְּן גֶעזָאגְט מֶען זָאל זִיךְ שֶׁערְן, דַארְף מֶען זִיךְ שֶׁערְן.

דָאס וָואס אִיר זָאגְט אַז דִי פּוֹילִישֶׁע אִידְן הָאבְּן אַ מְסוֹרָה זִיךְ נִישְׁט צוּ שֶׁערְן דִי הָאר - אִיז נִישְׁט אֱמֶת; אַלֶע פְּרוֹיעֶן פוּן פּוֹילְן הָאבְּן זִיךְ גֶעשׁוֹירְן דִי הָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה, אִין פּוֹילְן הָאט מֶען נָאךְ מֶער מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיף דֶעם ווִי אִין אוּנְגַארְן, אַזוֹי ווִי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת מַהֲרִי"ץ (חֵלֶק א, סִימָן קכז): "בְּפּוֹלִין הֶחְמִירוּ עוֹד הַנָּשִׁים לְהַקִּיף רֹאשָׁן שֶׁלֹּא יִשָּׁאֵר שׁוּם שֵׂעָר", אִין פּוֹילִין הָאט מֶען נָאךְ מֶער אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן זִיךְ אָפְּצוּשֶׁערְן, עֶס זָאל נִישְׁט בְּלַייבְּן קַיין שׁוּם הָאר; נָאר שְׁפֶּעטֶער הָאבְּן דִי גוֹיִם אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן אַ גְזֵירָה אוֹיף אִידִישֶׁע פְּרוֹיעֶן זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט שֶׁערְן.

אִינֶעם זְכוּת וָואס אִיר גֵייט טוּן דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה פוּן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר זָאלְט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע בְּרָכוֹת אוּן צוּ אַלֶע גוּטְס וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה דוּרְכְדֶעם.

...

## זָאל אִיךְ פָּאלְגְן מַיין טַאטֶע אוּן אַרָאפְּנֶעמֶען מַיין בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן חִיזּוּק, אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַיֶּה דֶערְמִיט, אוּן אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז נָאךְ פִילֶע אִידְן זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶּה אוּן מְחַזֵּק דֶערְמִיט.

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר פוּן 18 יָאר, אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן צְוֵויי זַאכְן. אִיךְ הָאב בָּרוּךְ ה' אַ בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, אָבֶער מַיין טַאטֶע ווִיל זֵייעֶר אִיךְ זָאל עֶס אַרָאפְּנֶעמֶען, דַארְף אִיךְ אִים פָּאלְגְן?

צְווֵייטְנְס ווִיל אִיךְ פְרֶעגְן, אַזוֹי ווִי מַיין בְּרוּדֶער גֵייט חֲתוּנָה הָאבְּן בְּקָרוֹב, אוּן אִיךְ וֵוייס אַז בַּיי דִי חֲתוּנָה וֶועט נִישְׁט זַיין קַיין צְנִיעוּת אוּן עֶרְלִיכְקֵייט, וָואס זָאל אִיךְ טוּן? זָאל אִיךְ גֵיין צוּ דִי חֲתוּנָה אָדֶער נִישְׁט?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, י״ט אֲדָר, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַוַדַאי זָאלְסְטוּ בְּלַייבְּן מִיט דַיין בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת; קוּק וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת גִּילּוּחַ הֲלָכָה ג׳, אוֹת ב׳): ״עִקַּר הַדָּת יִשְׂרָאֵל וְעִקַּר הַיַּהֲדוּת תָּלוּי בְּזָקָן וּפֵאוֹת״, דִי בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת אִיז אַן עִיקָר פוּן אַ אִיד אוּן פוּן דָאס גַאנְצֶע אִידִישְׁקֵייט, ״וּבָהֶם נִכָּר הַיְּהוּדִי כִּי הוּא מִזֶּרַע בָּרֵךְ ה׳, מִזֶּרַע יִשְׂרָאֵל״, אוּן מֶען דֶערְקֶענְט אַ אִיד דוּרְךְ זַיין בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת אַז עֶר אִיז אַ אִידִישׁ קִינְד. ״וּמִי שֶׁרוּחַ אַחֶרֶת עִמּוֹ, חַס וְשָׁלוֹם, וְרוֹצֶה לְכַפֵּר, חַס וְשָׁלוֹם, בֵּאלֹקֵי יִשְׂרָאֵל״, אוּן וֶוער עֶס וויל לֵייקֶענֶען אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ״תְּחִלַּת הַכְּפִירָה הוּא, שֶׁמַּשְׁלִיךְ חַס וְשָׁלוֹם מֵעָלָיו הַזָּקָן וְהַפֵּאוֹת״, דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ נֶעמְט עֶר אַרָאפּ זַיין בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, ״כִּי בֶּאֱמֶת כָּל דַּת יִשְׂרָאֵל הַקָּדוֹשׁ הוּא תָּלוּי בְּזָקָן וּפֵאוֹת״, וַוייל דָאס גַאנְצֶע אִידִישְׁקֵייט אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִינֶעם בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת; קוּק אַריין דָארְט זַיינֶע הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער מֶער בַּאֲרִיכוּת.

זַיי מְכַבֵּד דַיינֶע עֶלְטֶערְן; טַעֲנָה זִיךְ נִישְׁט מִיט דַיין טַאטֶע, וֶוען עֶר רֶעדְט צוּ דִיר זָאלְסְטוּ אִים אוֹיסְהֶערְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן בְּלַייבְּן שְׁטִיל. אָבֶּער חַס וְשָׁלוֹם צוּ שְׁנַיידְן דִי בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, מֶען דַארְף מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע מַאמֶע אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן (וַיִּקְרָא יט, ג): ״אִישׁ אִמּוֹ וְאָבִיו תִּירָאוּ״, מֶען דַארְף מוֹרָא הָאבְּן פוּן טַאטֶע מַאמֶע, אוּן אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט (שָׁם, שָׁם): ״וְאֶת שַׁבְּתֹתַי תִּשְׁמֹרוּ״, דַארְף מֶען הִיטְן שַׁבָּת. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְבָמוֹת ה.; הוּבָא בְּרַשִׁ״י וַיִּקְרָא, שָׁם): ״אִם יֹאמַר לְךָ חַלֵּל אֶת הַשַּׁבָּת אַל תִּשְׁמַע לוֹ״, אוֹיבּ עֶר הֵייסְט דִיר מְחַלֵּל שַׁבָּת זַיין זָאלְסְטוּ אִים נִישְׁט פָאלְגְן, אוּן אַזוֹי אִיז מִיט אַלֶע אַנְדֶערֶע מִצְוֹת.

בְּנוֹגֵעַ גֵיין צוּ דִי שִׂמְחָה וְכוּ׳; אַוַדַאי זָאלְסְטוּ גֵיין, זָאלְסְט זַיין אַ חֵלֶק פוּן דִי מִשְׁפָּחָה. מִיט חָכְמָה זָאלְסְטוּ זֶען וֶוען צוּ זַיין אִינֶעווֵיינִיג אוּן וֶוען אַרוֹיסְצוּגֵיין, בִּשְׁעַת קַבָּלַת פָּנִים אוּן חוּפָּה זָאלְסְטוּ דָארְט זַיין, אוּן בִּשְׁעַת מֶען טַאנְצְט בְּתַעֲרוּבוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן זָאלְסְטוּ אַרוֹיסְגֵיין אִינְדְרוֹיסְן; אַלֶעס אָן קַיין רַעַשׁ אָן קַיין טוּמְל, קֵיינֶער דַארְף נִישְׁט ווִיסְן צִי דוּ בִּיסְט יָא דָארְט צִי נִישְׁט, מֶען גֵייט אַרוֹיס אוּן מֶען קוּמְט אַריין אַלֶעס מִיט חָכְמָה.

אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ פִירְן מִיט שֵׂכֶל אוּן מִיט גֶעלַאסְנְקַייט וֶועסְטוּ גוֹרֵם זַיין אַז דַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה וֶועלְן צוּבִיסְלֶעךְ וֶוערְן מֶער אוּן מֶער עֶרְלִיךְ, דוּ וֶועסְט אַלֶעמֶען צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

...

## וָואס טוּט מֶען וֶוען מֶען קֶען זִיךְ אַלֵיין נִישְׁט לַיידְן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ פְרוֹי פוּן ... וָואס הֶערְט דִי טַייעֶרֶע דְרָשׁוֹת, אוּן אִיךְ טְרַאכְט אַז אֶפְשָׁר וֶועט אִיר מִיר קֶענֶען הֶעלְפְן, וַוייל אִיךְ קֶען זִיךְ אַלֵיין נִישְׁט הֶעלְפְן.

אִיךְ הָאב בָּרוּךְ ה' אַ שֵׁיינֶע לֶעבְן, אַ ווּאוֹילֶער מַאן מִיט זִיסֶע קִינְדֶער. אָבֶּער פוּן וֶוען אִיךְ בִּין קְלֵיין, קֶען אִיךְ זִיךְ אַלֵיין נִישְׁט לַיידְן, אִיךְ הָאב זִיךְ פַיינְט, אִיךְ הָאב אוֹיף זִיךְ מוֹרָא'דִיגֶע קְרִיטִיק, יֶעדֶע זַאךְ וָואס אִיךְ טוּ בִּין אִיךְ נִישְׁט צוּפְרִידְן אוּן עֶס אִיז נִישְׁט גוּט. אִיךְ הָאב נִישְׁט קַיין סִיפּוּק פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, אוּן זַאכְן וָואס אִיךְ טְרַאכְט יָא אַז אִיךְ וֶועל הָאבְּן פוּן דֶעם סִיפּוּק אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ צוּ טוּן פַאר אַ מַאמֶע מִיט קִינְדֶער.

יָארְן צוּרִיק הָאב אִיךְ פְּרוּבִירְט צוּ גֵיין אוֹיף טֶערֶעפִּי, עֶס הָאט אָבֶער גָארְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן, נָאר מִיר גֶעמַאכְט טְרַאכְטְן נַארִישְׁקֵייטְן אַז אִיךְ דַארְף זִיךְ גֶט'ן וְכַדוֹמֶה, נָאר דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אָפְּגֶעהִיטְן מַיין לֶעבְן זָאל נִישְׁט חָרוּב וֶוערְן. אָבֶּער יֶעצְט בִּין אִיךְ אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ בִּיטֶערֶע מַצָּב אַז אִיךְ הָאב נִישְׁט קַיין טַעַם אִין לֶעבְן, אִיךְ ווִיל מֶער נִישְׁט לֶעבְן, אִיךְ קֶען מֶער נִישְׁט לַיידְן וָואס אִיךְ לַייד פוּן זִיךְ אַלֵיין. אִיךְ הָאב נִישְׁט קַיין מַחְשָׁבוֹת פוּן זִיךְ נֶעמֶען דָאס לֶעבְן ח"ו, סוֹף כָּל סוֹף הָאב אִיךְ אַבִּיסְל יִרְאַת שָׁמַיִם (אִיךְ הָאף אַזוֹי), אָבֶער אִיךְ ווִיל נִישְׁט לֶעבְן, אִיךְ קֶען מֶער נִישְׁט נֶעמֶען מַיין מַצָּב.

דִי וָואךְ הָאב אִיךְ פְּרָאבִּירְט צוּ רֶעדְן מִיט אֵיינֶעם וָואס אִיךְ הָאב גֶעטְרַאכְט אַז עֶר וֶועט מִיר קֶענֶען הֶעלְפְן, אִיךְ הָאב נִישְׁט גֶערֶעדְט אַזוֹי אָפְן, אָבֶער גוּט גֶעגֶעבְן צוּ פַארְשְׁטֵיין אַז עֶס אִיז מִיר פִינְסְטֶער, אוּן יֶענֶער הָאט זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט וואוּסְנְדִיג גֶעמַאכְט, אוּן דָאס הָאט מִיר נָאךְ מֶער צוּבְרָאכְן, פוּן דִי בּוּשָׁה פוּן זִיךְ אַלֵיין הָאב אִיךְ גֶעפִילְט ווִי אִיךְ גֵיי מַמָּשׁ אוֹיס, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען פַארְגְלִיוֶוערְט עֶטְלִיכֶע טֶעג.

אִיךְ הֶער ווִי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט מֶען זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ רֶעד מִיט אִים

אַסַאךְ, אִיךְ דֶערְצֵייל אִים, אִיךְ בֶּעט זִיךְ בַּיי אִים עֶר זָאל שׂוֹין רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף מִיר, אָבֶּער עֶס הֶעלְפְט גָארְנִישְׁט, מַיין מַצָּב וֶוערְט עֶרְגֶער אוּן עֶרְגֶער. אֶפְשָׁר וֶועט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאבְּן פַאר מִיר אַ עֵצָה?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ׳ אֲדָר, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיר דַארְפְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ; אִיר דַארְפְט זוּכְן גוּטְס אִין אַייעֶר לֶעבְּן אוּן זִיךְ מִיט דֶעם פְרֵיילִיךְ מַאכְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן כד): ״מִצְוָה גְדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד״, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ; אוֹיף דֶעם פְלֶעגְט רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְן: ״אַז דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן זַיין פְרֵיילִיךְ, מִן הַסְתָּם אִיז דָא מִיט וָואס צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ״.

אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס מֶענְטְשְׁן הָאבְּן נֶעמְט זִיךְ פוּן עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה; עַצְבוּת פַארְמַאכְט דֶעם מֹחַ מֶען זָאל נִישְׁט קֶענֶען טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן י): ״מַה שֶּׁהָעוֹלָם רְחוֹקִים מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וְאֵינָם מִתְקָרְבִים אֵלָיו יִתְבָּרַךְ״, פַארְוָואס זֶענֶען מֶענְטְשְׁן אַזוֹי גֶעפַאלְן בַּיי זִיךְ אוּן זֶענֶען נִישְׁט נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? ״הוּא רַק מֵחֲמַת שֶׁאֵין לָהֶם יִשּׁוּב הַדַּעַת, וְאֵינָם מְיַשְּׁבִין עַצְמָן״, וַוייל מֶען הָאט נִישְׁט קַיין יִשּׁוּב הַדַּעַת - מֶען טְרַאכְט נִישְׁט פוּן תַּכְלִית; זָאגְט אָבֶּער דֶער רֶבִּי, וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ יִשּׁוּב הַדַּעַת אוּן צוּ אַ קְלָארֶע מֹחַ צוּ וִויסְן וָואס מֶען הָאט צוּ טוּן אוֹיף דֶער וֶועלְט? ״אַךְ דַּע, שֶׁעַל יְדֵי מָרָה שְׁחוֹרָה אִי אֶפְשָׁר לְהַנְהִיג אֶת הַמֹּחַ כִּרְצוֹנוֹ, וְעַל כֵּן קָשֶׁה לוֹ לְיַשֵּׁב דַּעְתּוֹ״, וֶוען מֶען אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ קֶען מֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן גוּטֶע זַאכְן, מֶען קֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן גוּט, מֶען טְרַאכְט אַ גַאנְצְן צַייט נָאר שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת. ״רַק עַל יְדֵי הַשִּׂמְחָה יוּכַל לְהַנְהִיג הַמֹּחַ כִּרְצוֹנוֹ, וְיוּכַל לְיַשֵּׁב דַּעְתּוֹ״, אָבֶּער אַז מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ דֶעמָאלְט קֶען מֶען בֵּייגְן דִי מַחְשָׁבוֹת צוּ טְרַאכְטְן גוּט, ״כִּי שִׂמְחָה הוּא עוֹלָם הַחֵרוּת״, אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז בְּשִׂמְחָה אִיז עֶר אַ פְרֵייעֶר מֶענְטְשׁ אוּן דֶער מֹחַ אִיז אִים נִישְׁט מְצֻמְצָם, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָה נה, יב): ״כִּי בְשִׂמְחָה

תֵּצֵאוּ", מִיט שִׂמְחָה גֵייט מֶען אַרוֹיס, "שֶׁעַל יְדֵי שִׂמְחָה נַעֲשִׂין בֶּן חוֹרִין, וְיוֹצְאִין מִן הַגָּלוּת", וַוייל אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ אִיז פְּרֵיי, פְּרֵיי פוּן אַלֶע פַּארְמַאכְטְקֵייטְן.

אִיךְ שְׁרַייב אַייךְ אַ קְלֵיינֶע תְּפִלָּה וָואס אִיר זָאלְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג; נִישְׁט אֵיין מָאל אַ טָאג אוּן נִישְׁט צְוֵויי מָאל, נָאר יֶעדֶעס מָאל עֶס קוּמֶען אַרַיין אִין אַייךְ דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, אִיר הוֹיבְּט אָן טְרַאכְטְן שְׁלֶעכְטְס, אִיר הוֹיבְּט אָן זִיךְ פַּיינְט צוּ הָאבְּן אוּן זִיךְ נִישְׁט לַיידְן; זָאלְט אִיר נֶעמֶען דִי תְּפִלָּה אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט אִיר זֶען בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט אַז וֶועט אִיר זִיךְ לִיב הָאבְּן, אִיר וֶועט וֶועלְן לֶעבְּן, אִיר וֶועט הַנָאָה הָאבְּן יֶעדֶע רֶגַע פוּן דִי שֵׁיינֶע וֶועלְט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן.

דָא הָאט אִיר דִי תְּפִלָּה:

"גְרוֹיסֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ דַאנְק דִיר פַּאר אַלֶעס גוּטְס וָואס דוּ גֶעבְּסְט מִיר, אִיךְ דַאנְק דִיר פַּאר מַיין שֵׁיינֶע לֶעבְּן וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעגֶעבְּן; פַּאר מַיין טֵייעֶרֶע מַאן, פַּאר מַיינֶע לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער אוּן פַּאר אַלֶעס גוּטְס וָואס דוּ גֶעבְּסְט מִיר.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן אִיךְ זָאל הַנָאָה הָאבְּן פוּן מַיין שֵׁיינֶע לֶעבְּן; וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט הַנָאָה פוּן מַיין לֶעבְּן, אִיךְ בִּין אַזוֹי שְׁטַארְק דֶעפְּרֶעסְט אוּן אִיךְ וֵויין אַ גַאנְצְן טָאג, עֶס קוּמֶען אַרַיין אִין מִיר שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת פוּן וֶועלְכֶע אִיךְ קֶען נִישְׁט פָּטוּר וֶוערְן.

דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר טַאטֶע זִיסֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן אֱמוּנָה אוּן אִיךְ זָאל לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה; אִיךְ זָאל לֶעבְּן מִיט דִיר אוּן דִיר שְׁפִּירְן. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, עֶס אִיז מִיר אַזוֹי עֶנְג, מַיין קָאפּ דְרֵיידְט זִיךְ מִיר אַ גַאנְצְן טָאג מִיט שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, אִיךְ טְרַאכְט אַ גַאנְצְן טָאג נָאר שְׁלֶעכְטְס אוֹיף מִיר. פוּן מַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן הָאבּ אִיךְ זִיךְ נִישְׁט לִיבּ, אִיךְ הָאבּ זִיךְ פַּיינְט אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט לַיידְן; אִיךְ זֶע נִישְׁט קַיין שׁוּם וֶועג וָואס זָאל מִיר פְרֵיילִיךְ מַאכְן, אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ ווִי אִיךְ בִּין גֶעפַאנְגֶען בַּיי דִי נִישְׁט גוּטֶע, וָואס אִיךְ טוּ אִיז אָן קַיין טַעַם אָן קַיין פְרֵיילִיכְקֵייט.

אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, טַאטֶע זִיסֶער, הָאבּ אוֹיף מִיר רַחֲמָנוּת! הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן, אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען לַיידְן, אִיךְ זָאל טְרַאכְטְן נָאר פַּאזֶעטִיוו, אִיךְ זָאל נִישְׁט טְרַאכְטְן שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת; הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט בַּאשׁוּלְדִיגְן נָאר אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען אַז אַלֶעס קוּמְט פוּן דִיר.

**בַּאשֶׁעפֶער, זֶע מַיינֶע טְרֶערְן, זֶע ווִי אִיךְ וֵויין, זֶע מַיין צֶעבְּרָאכְן הַארְץ; אַתָּה חוֹנֵן לְאָדָם דַּעַת - דוּ גְרוֹיסֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעבְּסְט שֵׂכֶל פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, וּמְלַמֵּד לֶאֱנוֹשׁ בִּינָה - דוּ גֶעבְּסְט פַארְשְׁטַאנְד פַאר אַלֶעמֶען, בֶּעט אִיךְ דִיר טַאטֶע: וְחָנֵּנוּ מֵאִתְּךָ חָכְמָה בִּינָה וָדַעַת, גֶעבּ מִיר אוֹיךְ שֵׂכֶל אוּן פַארְשְׁטַאנְד אִיךְ זָאל מִיךְ נִישְׁט פַּיינִיגְן.**

**בַּאשֶׁעפֶער, אַסַאךְ מָאל שְׁפִּיר אִיךְ ווִי מַיין לֶעבְּן אִיז מִיר גָארְנִישְׁט וֶוערְד; אִיךְ טְרַאכְט שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, אִיךְ ווִיל אַנְטְלוֹיפְן פוּן מַיין לֶעבְּן, אָבֶּער אִיךְ וֵויס דָאךְ דֶעם אֱמֶת אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא וואוּ צוּ אַנְטְלוֹיפְן, נָאר צוּ דִיר טַאטֶע זִיסֶער.**

**דֶערְפַאר קוּם אִיךְ צוּ דִיר אוּן אִיךְ בֶּעט דִיר: הֶעלְף מִיר! הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת דַיינֶע צַדִּיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען זֵייעֶר גַאנְצֶע לֶעבְּן פַאר דַיינֶעט וֶועגְן; הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת דִי אָבוֹת הַקְּדוֹשִׁים אַבְרָהָם יִצְחָק אוּן יַעֲקֹב, הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת דִי אִמָּהוֹת הַקְּדוֹשׁוֹת שָׂרָה רִבְקָה רָחֵל אוּן לֵאָה, אוּן בִּזְכוּת דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רַבֵּינוּ נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, בִּזְכוּת זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן בִּזְכוּת מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אָמֵן״.**

**דִי תְּפִלָּה זָאלְט אִיר זָאגְן יֶעדְן טָאג, וֶועט אִיר זֶען בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט אַז אַלֶעס וֶועט זִיךְ אִיבֶּערְדְרֵייעֶן, אִיר וֶועט זִיךְ לִיבּ הָאבְּן, אִיר וֶועט זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**...**

### אִיךְ הָאבּ אַלֶעס פַארְלוֹירְן, ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ מְחַזֵּק זַיין?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

אִיךְ הָאבּ אַ נָאנְטֶער חַבֵר וָואס בְּרֶענְגְט מִיר כְּסֵדֶר דִי עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אוּן דִי גִלְיוֹנוֹת, אוּן אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַיֶּה דֶערְמִיט. אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען דָארְט אַז עֶס אִיז דָא אַ וֶועג פַאר יֶעדְן צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה יֶעדְן טָאג, דָאס הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן חֵשֶׁק זִיךְ צוּרִיק צוּ כַאפְּן צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אָבֶּער הַיינְט קֶען אִיךְ שׁוֹין מֶער נִישְׁט לֶערְנֶען בִּכְלָל.

מִיט אַפָּאר יָאר צוּרִיק הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט זֵייעֶר גְרוֹיס הַצְלָחָה אִין פַּרְנָסָה, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען

אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר, אָבֶער פַאר דְרֵיי יָאר צוּרִיק בִּין אִיךְ צוּרִיק גֶעקוּמֶען פוּן אַ בִּיזְנֶעס טְרִיפּ, אוּן אוֹיפְ'ן פְלִיגֶער הָאב אִיךְ גֶעטְרָאפְן אַ הֵיימִישֶׁער אִינְגֶערְמַאן, אוּן עֶר הָאט מִיךְ אַרֵיינְגֶעדְרֵייט אִין אַ שְׁלֶעכְטֶע בִּיזְנֶעס, אַזוֹי אַז בִּיז אַפָּאר וָואכְן וֶוען אִיךְ הָאב אָנְגֶעהוֹיבְן כַאפְּן וָואס טוּט זִיךְ, בִּין אִיךְ שׁוֹין גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל חוֹב, אוּן בִּיז הַיינְט זִינְק אִיךְ אִין חוֹבוֹת.

אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן אַזוֹי שְׁטַארְק צֶעבְּרָאכְן אוּן דֶעפְּרֶעסְט, אַז אֲפִילוּ דִי שִׁיעוּר וָואס אִיךְ פְלֶעג הָאבְּן יֶעדֶע נַאכְט הָאב אִיךְ אוֹיךְ אוֹיפְגֶעגֶעבְן, אוּן אִיךְ דַאוֶוען יֶעדְן טָאג שְׁפֶּעט אִין טָאג אַרַיין, רוֹב טֶעג אָן מִנְיָן, וַוייל אִיךְ קֶען זִיךְ מַמָּשׁ נִישְׁט צוּזַאמְנֶעמֶען, אִיךְ זֶע נִישְׁט וְויאַזוֹי אִיךְ קֶען בִּכְלַל אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן דִי פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן אִיךְ קֶען נִישְׁט נֶעמֶען אוֹיף מִיר יֶעצְט קַיין שִׁיעוּרִים.

אִיךְ פִיל ווִי מַיין לֶעבְן אִיז טוּנְקֶל, אוּן אִיךְ בֶּעט זֵייעֶר דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוֹיב עֶר קֶען מִיר גֶעבְן אַן עֵצָה ווִי אַזוֹי אִיךְ קֶען אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן מַיינֶע צָרוֹת.

יְיִשַׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ״א אֲדָר, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט; פוּן יֶעדֶע פְּרָאבְּלֶעם אִיז דָא אַ וֶועג אַרוֹיס. עֶס זֶענֶען דָא אָן אַ שִׁיעוּר מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען אַרַיין גֶעדְרֵיידְט גֶעוָוארְן אִין שְׁלֶעכְטֶע גֶעשֶׁעפְטְן אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט פַארְלוֹירְן דִי אֱמוּנָה, זֵיי הָאבְּן וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען מִיט זֵייעֶר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, מִיט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג, דַאוֶונֶען אוּן טוּן מִצְווֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים אוּן בַּיים סוֹף הָאבְּן זֵיי זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ גְרוֹיס הַצְלָחָה.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סֵפֶר כּוֹכְבֵי אוֹר סִיפּוּרִים נִפְלָאִים, ב): עֶס אִיז גֶעוֶוען אַן אָרֶעמַאן וָואס הָאט זִיךְ מְפַרְנֵס גֶעוֶוען פוּן פַארְקוֹיפְן עֶרְד צוּ מַאכְן דֶערְפוּן לֵיים, עֶר פְלֶעגְט אוֹיפְזוּכְן דִי סְפֶּעצִיעֶלֶע זַאמְד וָואס מֶען מַאכְט פוּן דֶעם לֵיים אוּן עֶר פְלֶעגְט דָאס פַארְקוֹיפְן.

אֵיינְמָאל בִּשְׁעַת'ן גְרָאבְן הָאט עֶר גֶעטְרָאפְן זֵייעֶר אַ טֵייעֶרֶע שְׁטֵיין, עֶר הָאט גֶעוָואלְט פַארְקוֹיפְן דֶעם שְׁטֵיין, הָאבְּן אִים דִי צִירוּנְג סוֹחֲרִים גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז וֶוערְד אַזוֹי סַאךְ גֶעלְט, אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא אִין דִי גַאנְצֶע מְדִינָה אֵיינֶער וָואס זָאל

הָאבְּן דָאס גֶעלְט צוּ קֶענֶען בַּאצָאלְן פַאר אַזַא טֵייעֶרֶע דִימַאנְט שְׁטֵיין, נָאר אִין לָאנְדָאן אִינֶעם עִיר הַמְּלוּכָה וֶועט מֶען קֶענֶען אָפְּקוֹיפְן פוּן אִים דֶעם שְׁטֵיין.

וְויבַּאלְד עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אָרֶעם, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט צוּ פָארְן קַיין לָאנְדָאן, הָאט עֶר פַארְקוֹיפְט אַלֶעס וָואס עֶר הָאט פַארְמָאגְט, בִּיז עֶר הָאט צוּזַאמְגֶעקְלִיבְן אַבִּיסְל גֶעלְט, אוּן עֶר הָאט מִיט דִי גֶעלְט גֶעדִינְגֶען אַ פֶערְד אוּן וָואגְן וָואס זָאל אִים פִירְן צוּם יַם פָּארְט.

וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם פָּארְט הָאט עֶר שׁוֹין נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט פַאר אַ טִיקֶעט, אוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעוָואלְט אַרוֹיפְגֵיין אוֹיפְן שִׁיף וָואס פָּארְט קַיין לָאנְדָאן הָאט מֶען אִים נִישְׁט אַרוֹיפְגֶעלָאזְט וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט. הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן מֶען זָאל אִים צוּלָאזְן צוּם שִׁיף'ס קַאפִּיטַאן, עֶר הָאט גֶעוִויזְן דֶעם דִימַאנְט שְׁטֵיין פַארְ'ן שִׁיף'ס קַאפִּיטַאן, אוּן עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז גָאר אַ גְרוֹיסֶער בִּיזְנֶעס מַאן אוּן עֶר הַאנְדְלְט מִיטְ'ן קֶענִיג. גְלַייךְ הָאט אִים דֶער שִׁיף'ס קַאפִּיטַאן אַרוֹיפְגֶעלָאזְט אוֹיפְ'ן שִׁיף אוּן עֶר הָאט גֶעהֵייסְן דִי מְשָׁרְתִים מֶען זָאל אִים גֶעבְּן דֶעם שֶׁענְסְטְן צִימֶער אוּן אִים מְכַבֵּד זַיין מִיט גְרוֹיס כָּבוֹד.

דֶער אִיד פְלֶעגְט זִיךְ שְׁפִּילְן מִיטְ'ן דִימַאנְט שְׁטֵיין בִּשְׁעַת עֶר הָאט גֶעגֶעסְן, דָאס פְלֶעגְט אִים מַאכְן אַפֶּעטִיטְלִיךְ, בִּיז אֵיינְמָאל הָאט עֶר אַיינְגֶעדְרִימְלְט אִינְמִיטְן עֶסְן, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט בַּאמֶערְקְט ווִי דֶער מְשָׁרֵת רוֹימְט אָפּ דֶעם טִישׁ מִיטְ'ן דִימַאנְט אִינְאֵיינֶעם, אוּן הָאט אַלֶעס אַרַיין גֶעוָוארְפְן אִין וַואסֶער. דֶער אִיד וֶועקְט זִיךְ אוֹיף אוּן זֶעט אַז עֶר הָאט אַלֶעס פַארְלוֹירְן... עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, עֶר אִיז שִׁיעוּר נִישְׁט אַרָאפּ פוּן זִינֶען, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'יֶעצְט וֶוען דֶער שִׁיף'ס קַאפִּיטַאן וֶועט זִיךְ דֶערְוִויסְן אַז אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט וֶועט עֶר מִיר אַרַיין וַוארְפְן אִין וַואסֶער, וָואס קֶען אִיךְ דָא טוּן?' הָאט עֶר אָפְּגֶעמַאכְט בַּיי זִיךְ אַז עֶר וֶועט זִיךְ מַאכְן פְרֵיילִיךְ, עֶר וֶועט זִיךְ מַאכְן כְּאִילוּ עֶר אִיז רַייךְ אוּן עֶר הָאט נָאךְ אַלְץ בַּיי זִיךְ דֶעם דִימַאנְט שְׁטֵיין.

דֶער שִׁיף'ס קַאפִּיטַאן פְלֶעגְט אַלְץ אַרַיין קוּמֶען צוּ אִים אִין צִימֶער שְׁמוּעֶסְן מִיט אִים, אוּן דֶער אִיד הָאט זִיךְ וַוייטֶער גֶעמַאכְט פְרֵיילִיךְ פּוּנְקְט אַזוֹי ווִי פְרִיעֶר; אֵיין טָאג זָאגְט אִים דֶער שִׁיף'ס קַאפִּיטַאן: "אִיךְ זֶע אַז דוּ בִּיסְט אַ קְלוּגֶער מֶענְטְשׁ, ווִיל אִיךְ דִיר פַארְטְרוֹיעֶן מִיט אַ גְרוֹיסְן סוֹד, אִיךְ הָאבּ דָא אִינֶעם שִׁיף אַסַאךְ סְחוֹרָה וָואס אִיךְ קֶען נִישְׁט אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין לָאנְדָאן, וַוייל מֶען אִיז מִיר חוֹשֵׁד אַז אִיךְ גַנֶבְ'עֶ דָאס, אִיךְ וֶועל עֶס אִיבֶּערְשְׁרַייבְּן אוֹיף דַיין נָאמֶען אוּן מִיר וֶועלְן זִיךְ

שְׁפֶּעטֶער פַארְרֶעכֶענֶען". אַזוֹי הָאבְּן זֵיי גֶעטוּן; נָאכְ'ן אָנְקוּמֶען קַיין לָאנְדָאן הָאט דֶער שִׁיף'ס קַאפִּיטַאן גֶעכַאפְּט אַ הַארְץ אַטַאקֶע, אוּן דֶער אִיד אִיז גֶעבְּלִיבְּן מִיט אַלֶע פַארְמֶעגְנְס וָואס עֶר הָאט אִים אִיבֶּערְגֶעשְׁרִיבְּן אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר.

דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט דִי מַעֲשֶׂה מִיט דִי וֶוערְטֶער: "דִי דִימַאנְט שְׁטֵיין אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען דֶעם אִידְ'ס, וְהָא רַאְיָ' עֶר הָאט דָאס פַארְלוֹירְן; דִי סְחוֹרָה פוּנֶעם שִׁיף הָאט גֶעהֶערְט פַארְ'ן אִיד וְהָא רַאְיָ' עֶר הָאט דָאס בַּאקוּמֶען; אוּן וִוי אַזוֹי אִיז עֶר גֶעוָוארְן אַזוֹי רַייךְ? נָאר וַוייל עֶר הָאט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן".

דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט אוֹיסְגֶעפִירְט דֶעם נִמְשָׁל, וַוייל יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט אַן אַנְדֶערֶע נִמְשָׁל, אוּן אֲפִילוּ בַּיים מֶענְטְשׁ אַלֵיינְס טוֹישְׁט זִיךְ דֶער נִמְשָׁל יֶעדֶע שְׁטִיק צַייט; אֵיינֶער פַארְלִירְט זַיין גֶעלְט, אֵיינֶער פַארְלִירְט אַ שִׁידוּךְ, אֵיינֶער פַארְלִירְט קִינְדֶער, דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען וָואס דֶער אִיד הָאט גֶעטוּן וֶוען עֶר הָאט פַארְלוֹירְן דֶעם דִימַאנְט שְׁטֵיין, עֶר הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט פְרֵיילִיךְ, עֶר הָאט וַוייטֶער גֶעשְׁפִּילְט עוֹשֶׁר, עֶר הָאט וַוייטֶער גֶערֶעדְט מִיטְ'ן שִׁיף'ס קַאפִּיטַאן כְּאִילוּ מֶען מֵיינְט נִישְׁט אִים, דֶערְפַאר הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וֶוערְן רַייךְ וְכוּ'.

אַז דוּ הָאסְט פַארְלוֹירְן אַסַאךְ גֶעלְט דוּרְךְ דֶעם שְׁוִוינְדְלֶער וְכוּ', זָאלְסְטוּ גְלֵייבְּן בְּאֶמוּנָה שְׁלֵמָה אַז אַזוֹי הָאט גֶעדַארְפְט זַיין, טְרַאכְט נִישְׁט פוּנֶעם עָבַר; דָאס וָואס אִיז גֶעוֶוען אִיז גֶעוֶוען, טְרַאכְט פוּן דַיין עָתִיד. אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, דוּ וֶועסְט נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, דוּ וֶועסְט וַוייטֶער פִירְן דַיין לֶעבְּן, אָנְגֵיין מִיט דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם; דוּ וֶועסְט גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶונֶען מִיט שִׂמְחָה, דוּ וֶועסְט זִיךְ מַאכְן שִׁיעוּרִים: אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיט תַּרְגוּם יֶעדְן טָאג, אַבִּיסְל מִשְׁנַיוֹת, גְמָרָא אוּן הַלָכָה - וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט טוּן מִיט דִיר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִיךְ הָאבּ שְׁרֶעקְלִיכֶע פְּחָדִים פוּן דִי קָארָאנֶע וֵוייִרוּס, וְוִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ דֶערְהַאלְטְן?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ צִיטֶער גֶעפֶערְלִיךְ פוּן דִי קָארָאנֶע וֵוייִרוּס, עֶס זֶעט מִיר אוֹיס וְוִי דִי וֶועלְט עֶנְדִיגְט זִיךְ, עֶס וֶוערְט אוֹיס וֶועלְט. אִיךְ בִּין אַ גַאנְצְן טָאג אוּנְטֶער פַּאנִיק אוּן שְׁרֶעק, אִיךְ רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ וֵוייס אַז עֶר אִיז דָא, עֶר הֶערְט אוּן עֶר זֶעט אוּן עֶר וֵוייסְט אַלֶעס, נָאכְאַלְץ בִּין אִיךְ אָבֶּער נָאךְ אִין אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע פַּאנִיק אוּן שְׁרֶעק כְּסֵדֶר.

אִיךְ דַארְף הִתְחַזְקוּת, דֶער ראֹש יְשִׁיבָה זָאל אָבֶּער פַארְשְׁטֵיין אַז סְתָּם הִתְחַזְקוּת וֶועט מִיר נִישְׁט הֶעלְפְן, וַוייל אִיךְ זֶע אַז אִיךְ דַארְף בַּארוּאִיגְן מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אָבֶּער אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט דַארְף אִיךְ זִיךְ קוֹדֶם אַלֵיין בַּארוּאִיגְן, אוּן אִיךְ קֶען מַמָּשׁ נִישְׁט קוּמֶען צוּ זִיךְ. אִיךְ לִיג אִין בֶּעט מַאכְטְלָאז, אוֹיבּ דִי קָארָאנֶע וֵוייִרוּס הָאט אֵיינֶעם גֶע'הַרְגְ'ט, אִיז עֶס מִיךְ, אִיךְ בִּין מַמָּשׁ אַ טוֹיטֶער.

מַיין וַוייבּ וֵוייסְט נִישְׁט וָואס עֶס אִיז גֶעשֶׁען מִיט מִיר, אִיךְ וִויל אִיר נִישְׁט זָאגְן אַז אִיךְ בִּין פָּשׁוּט אִין אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע פַּחַד פוּן דִי קָארָאנֶע וֵוייִרוּס, וַוייל אִיךְ וִויל אִיר נִישְׁט מֶער דֶערְשְׁרֶעקְן, גֶענוּג וָואס אִיךְ בִּין אַזוֹי דֶערְשְׁרָאקְן, זָאג אִיךְ אִיר אַז אִיךְ פִיל סְתָּם נִישְׁט אַזוֹי גוּט.

אִיךְ הָאף דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען בַּארוּאִיגְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ״א אֲדָר, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת בִּטָּחוֹן, סִימָן א): ״מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ בִּטָּחוֹן, אֵין לוֹ שׁוּם פַּחַד״, וֶוער עֶס הָאט בִּטָּחוֹן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶער הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם שְׁרֶעק; עֶר שְׁרֶעקְט זִיךְ נִישְׁט פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ וַוייל עֶר הָאט בִּטָּחוֹן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶר גְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט מִיר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַלֶעס אוּן טוּט אַלֶעס אוּן עֶס קֶען גָארְנִישְׁט פַּאסִירְן אָן אִים.

דֶער וָואס הָאט בִּטָּחוֹן פַארְזִיכֶערְט זִיךְ אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וְוִי אַ קִינְד

פַארְזִיכֶערְט זִיךְ אִין זַיין טַאטֶע. מֶען זֶעט בַּיי אַ קִינְד, וֶוען עֶר גֵייט אִין גַאס מִיט זַיין פָאטֶער אוּן עֶס קוּמְט צוּ גֵיין אַ שְׁרֶעקֶעדִיגֶע מֶענְטְשׁ אָדֶער אַ שְׁרֶעקֶעדִיגֶע חַי', כַאפְּט דָאס קִינְד אָן דֶעם טַאטֶע'ן אוּן קְוֶועטְשְׁט אִים דִי הַאנְט אָן קַיין מוֹרָא; אַזוֹי אִיז מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ וָואס הָאט בִּטָחוֹן, עֶר כַאפְּט זִיךְ אָן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן הָאט עֶר נִישְׁט קַיין שׁוּם פַּחַד אוּן מוֹרָא פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט.

מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער, אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט אָנְהוֹיבְּן לֶעבְּן מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת; וֶוען מֶען נֶעמְט דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, מֶען הוֹיבְּט אָן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן - קְרִיכְט מֶען אַרוֹיס פוּן יֶעדֶע אֵיינְצִיגְסְטֶע פְּרָאבְּלֶעם. דֶער רֶבִּי הָאט עֵצוֹת פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, אֲפִילוּ מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן פְּחָדִים אוּן לַיידְן נֶעבֶּעךְ אוֹיף שְׁוֶוערֶע גֵייסְטִישֶׁע מַחְלוֹת, זֵיי לַיידְן פוּן שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, אַלֶעס גֵייט אַוֶועק אוֹיבּ מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן.

דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן אִיז "אֱמוּנָה"; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ה): "הָעִקָּר הוּא הָאֱמוּנָה, וְצָרִיךְ כָּל אֶחָד לְחַפֵּשׂ אֶת עַצְמוֹ וּלְחַזֵּק אֶת עַצְמוֹ בֶּאֱמוּנָה", דֶער עִיקָר אוֹיף וָואס אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַרְבֶּעטְן צוּ צוּקוּמֶען - אִיז אֱמוּנָה, "כִּי יֵשׁ סוֹבְלֵי חֳלָאִים, שֶׁיֵּשׁ לָהֶם מַכּוֹת מֻפְלָאוֹת, וְהֵם סוֹבְלִים הֶחֳלָאִים רַק בִּשְׁבִיל נְפִילַת הָאֱמוּנָה", ווייל עֶס זֶענֶען דָא זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן מַחְלוֹת, זֵיי לַיידְן דָאס נָאר ווייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה; דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף יְסוּרֵי הַנֶּפֶשׁ וָואס מֶענְטְשְׁן לַיידְן זִיךְ נֶעבֶּעךְ צוּזַאם, זָאגְט דֶער רֶבִּי ווייטֶער: "כִּי עַל יְדֵי נְפִילַת הָאֱמוּנָה, בָּאִים מַכּוֹת מֻפְלָאוֹת שֶׁאֵין מוֹעִיל לָהֶם - לֹא רְפוּאוֹת, וְלֹא תְּפִלָּה, וְלֹא זְכוּת אָבוֹת", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה אוּן עֶר לַיידְט נֶעבֶּעךְ פוּן דִי מַחְלוֹת וָואס קוּמְט פוּן חִסָּרוֹן אֱמוּנָה, דֶעמָאלְט הֶעלְפְט אִים נִישְׁט קַיין רְפוּאוֹת, עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין תְּפִלָּה אוּן אוֹיךְ נִישְׁט זְכוּת אָבוֹת. דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי יִסוּרִים וָואס מֶענְטְשְׁן מַאכְן מִיט פוּן פְּחָדִים אוּן אוּמְזִיסְטִיגֶע שְׁרֶעק אוּן אַלֶע סָארְט יְסוּרֵי הַנֶּפֶשׁ; עֶס פֵּיינִיגְט זֵיי פוּן אִינֶעווייניג - יֶעדֶער מִיט זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע רְפוּאָה אוֹיף דֶעם אִיז אֱמוּנָה.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ דִי אֱמוּנָה; עֶר ווייסְט אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דִי וֶועלְט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז: "מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין, וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין, וּבְתוֹךְ כָּל עָלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת בִּלְעָדָיו יִתְבָּרַךְ כְּלָל", לֶעבְּט עֶר אַ רוּאִיג לֶעבְּן. מוֹהֲרַא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט פַארְפַאסְט אַ נִיגּוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער וֶוען עֶר פְלֶעגְט גֵיין אִין וַואלְד רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס אִיז אִים גֶעוֶוען

זַייעֶר שְׁוֶוער אִין אָנְהוֹיבּ, עֶר הָאט מוֹרָא גֶעהַאט צוּ זַיין אַלֵיינְס אִין וַואלְד, פוּן דִי חַיוֹת וְכוּ׳, הָאט עֶר זִיךְ אוּנְטֶער גֶעזִינְגֶען דִי וֶוערְטֶער: "מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין, וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין, וּבְתוֹךְ כָּל עָלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת בִּלְעָדָיו יִתְבָּרֵךְ כְּלָל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אֲלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם". עֶר הָאט דָאס גֶע'חַזֶר'ט אָן אַ שִׁיעוּר בִּיז עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שׁוּם פַּחַד פוּן קֵיינֶעם, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶעבְּן מִיט אַזַא שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אַז גָארְנִישְׁט הָאט אִים דֶערְשְׁרָאקְן אוּן גָארְנִישְׁט הָאט אִים גֶעשְׁטֶערְט. פוּן דֶעם אִיז גֶעוָוארְן דִי שֵׁיינֶע נִיגוּן פוּן: "מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין, וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין, וּבְתוֹךְ כָּל עָלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת בִּלְעָדָיו יִתְבָּרֵךְ כְּלָל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אֲלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם".

מַיין לִיבֶּער הַארְצִיגֶער בְּרוּדֶער, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה וֶוערְט אִים שְׁטַארְק זַיינֶע נֶערְוְון; אַזוֹי אוֹיךְ פַּארְקֶערְט, אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר מֵיינְט אַז זַאכְן פַּאסִירְן סְתָּם אַזוֹי אָן קַיין חֶשְׁבּוֹן, עֶר מֵיינְט אַז עֶס אִיז דָא טֶבַע, מִקְרֶה אוּן מַזָל - אַזַא מֶענְטְשׁ לֶעבְּט שְׁטֶענְדִיג מִיט פְּחָדִים, מִיט שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת; מֶען בַּאשׁוּלְדִיגְט זִיךְ כְּסֶדֶר, אוּן פוּן דֶעם קוּמֶען אַלֶע נֶערְוְון קְרַאנְקְהֵייטְן לֹא עָלֵינוּ וְלֹא עֲלֵיכֶם. דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע רְפוּאָה פַאר דִי וָואס לַיידְן אוֹיף דִי נֶערְוְון אִיז נָאר "אֱמוּנָה".

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אֱמוּנָה; אַ גַאנְצְן טָאג זָאלְסְטוּ נָאר זִינְגֶען נִיגוּנִים פוּן אֱמוּנָה נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, בִּיז עֶס וֶועט וֶוערְן אַיינְגֶעבַּאקְן אִין דִיר אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער. דֶעמָאלְט וֶועט אַוֶועק גֵיין פוּן דִיר אַלֶע פְּחָדִים, דוּ וֶועסְט נִישְׁט לִיגְן אִין בֶּעט פוּן שְׁרֶעק, דוּ וֶועסְט קֶענֶען אָנְגֵיין מִיט דִי טָאג טֶעגְלִיכֶע אַרְבֶּעט, דוּ וֶועסְט וִויסְן אַז אַלֶעס אִיז דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אוּן מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט גֶעבְּן קַיין רִיר אָן דֶעם וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֵייסְן.

לֵיין דֶעם בְּרִיוו אֵיין מָאל אוּן צְוֵויי מָאל אוּן דְרֵיי מָאל, אָן אַ שִׁיעוּר מָאל - בִּיז דוּ וֶועסְט אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן פוּן דַיינֶע שְׁרֶעק, דוּ וֶועסְט זַיין אַ פְרֵייעֶר מֶענְטְשׁ, דוּ וֶועסְט שְׁפִּירְן דִי זִיסֶע, גֶעשְׁמַאקֶע, אַיינְגֶענֶעמֶע טַעַם וָואס צַדִיקִים שְׁפִּירְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**נָאר דִי תּוֹרָה וָואס מֶען לֶערְנְט בְּלַייבְּט מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם א' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ה' אֲדָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

טֵייעֶרְעֶר ... נֵרוֹ יָאִיר, וָואס מַאכְסְטוּ?

אִיךְ הָאף אַז דוּ לֶערְנְסְט נָאךְ יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל גְּמָרָא, נָאר דָאס בְּלַייבְּט אִיבֶּער.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

**הֶעלְפְּטְס וַוייטֶער דֶעם רֶבִּינְ'ס מוֹסָד.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם א' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ה' אֲדָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'.**

אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט פָאֶרְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן הֶעלְפְן אוֹיפְשְׁטֶעלְן מוֹסְדוֹת אוֹיפְ'ן רֶבִּינְ'ס נָאמֶען; מוֹסְדוֹת הַתּוֹרָה וואוּ קִינְדֶער וֶוערְן נִתְחַנֵּךְ צוּ לֶעבְן מִיט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה, וואוּ קִינְדֶער וָואקְסְן אוֹיף מִיט דִי זִיסֶע וֶועג וָואס מִיר הָאבְן מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, דִי וֶועג פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן כֹּחַ וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט אַייעֶר אַרְבֶּעט, יֶעדְן טָאג אוּן יֶעדֶע מִינוּט וָואס אִיר לֵייגְט אַרַיין אִין דִי מוֹסָד וֶועט בְּלַייבְּן אַ זְכוּת פַאר אַייךְ אוּן פַאר אַייעֶרֶע דוֹרוֹת.

עֶס וֶועט פַארְשְׁרִיבְּן וֶוערְן אִינֶעם סֵפֶר הַזִּכְרוֹנוֹת אַז אִיר הָאט אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן

פוּן אַייעֶר בַּאקְוֶועמֶע לֶעבְּן צוּ הֶעלְפְן בּוֹיעֶן מוֹסְדוֹת הַתּוֹרָה, אִיר וֶועט פַארְשְׁרִיבְּן וֶוערְן מִיט אַלֶע נָשִׁים צִדְקָנִיּוֹת וָואס הָאבְּן גֶעבּוֹיט אִידִישְׁקֵייט.

אִין אֱמֶת'ן אַרַיין וָואלְט אִיךְ אַייךְ גֶעדַארְפְט שְׁרַייבְּן יֶעדְן טָאג אַ בְּרִיוו פוּן חִזּוּק, אָבֶּער אִיךְ בִּין אַזוֹי פַארְנוּמֶען אַז אִיךְ קוּם נִישְׁט אָן.

...

## דַארְפְסְט נִישְׁט קֶענֶען לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת תְּצַוֶה, ח' אֲדָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא בְּרֶסְלֶב.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס אִיז שְׁלֶעכְט אַז דוּ קֶענְסְט לֵיינֶען אִידִישׁ, וָואס דַארְפְסְטוּ קֶענֶען לָשׁוֹן קוֹדֶשׁ? עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע צַדִיקִים וָואס הָאבְּן בַּאלָאכְטְן דִי וֶועלְט, וָואס זֵייעֶרֶע מַאמֶע'ס הָאבְּן נִיטְאַמָאל גֶעקֶענְט עִבְרִי; זֵיי פְלֶעגְן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זֵייעֶר שְׁפְּרַאךְ, אוֹיף רוּסִישׁ אוּן פּוֹילִישׁ אַז זֵיי זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן קִינְדֶער וָואס וֶועלְן בַּאלַייכְטְן דִי וֶועלְט. זָאלְסְטוּ עֶנְדֶערְשׁ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין שְׁפְּרַאךְ: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן קִינְדֶער וָואס וֶועלְן לִיכְטִיג מַאכְן דִי וֶועלְט".**

זַיי שְׁטָאלְץ מִיט דַיין אֵיידְלְקֵייט וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ בָּנִים צַדִיקִים.

...

## נֶעם אַרוֹיס פוּן דַיין קָאפּ דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת תְּצַוֶה, ח' אֲדָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא בְּרֶסְלֶב.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

נֶעם אַרוֹיס פוּן דַיין קָאפּ דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת; דַארְפְסְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן, דִי אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת וָואס מֶען טְרַאכְט: 'אִיךְ וֶועל נִישְׁט חַתוּנָה הָאבְּן', 'אִיךְ וֶועל נִישְׁט הָאבְּן קַיין קִינְדֶער וְכוּ', וְכוּ'' - דָאס אִיז דֶער יֵצֶר הָרָע.

טְרַאכְט גוּט וֶועט זַיין גוּט.

...

### אַ שִׁיעוּר אִין סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ח׳ אֲדָר, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא בְּרֶסְלֶב.**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ צוּ הֶערְן אַז דוּ לֶערְנְסְט דֶעם סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה; דוּ הָאסְט אַ שִׁיעוּר אִין דֶעם יֶעדְן טָאג, דוּ גֵייסְט נִישְׁט שְׁלָאפְן אָן לֶערְנֶען כָאטְשִׁיג אֵיין בְּרִיוו. הַלְוַואי זָאלְן אַלֶע מֵיידְלֶעךְ, אַלֶע דַיינֶע חַבֶר׳טֶעס אוֹיךְ טוּן אַזוֹי; דָארְט וֶועסְטוּ זֶען וִוי אַזוֹי מוֹהַרָא״שׁ הָאט גֶעוָואלְט מֶען זָאל לֶעבְן, אַלֶע בְּרִיוו אִיז נָאר וָואס מוֹהַרָא״שׁ הָאט גֶעזָאגְט אוּן וָואס מוֹהַרָא״שׁ הָאט גֶעוָואלְט.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען דִי בְּרִיוו פוּן סֵפֶר אִישׁ אֱמוּנוֹת; דָארְט אִיז דָא פֶּערְזֶענְלִיכֶע בְּרִיוו פַאר תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אוּן פַאר תַּלְמִידוֹת בֵּית פֵּיגָא, דִי בְּרִיוו וֶועט דִיר זֵייעֶר מְחַזֵק זַיין אוּן וַוייזְן אַ וֶועג אִין לֶעבְּן.

...

### דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְגְט אַריין סְפֵיקוֹת אוֹיב מֶען אִיז גוּט.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ח׳ אֲדָר, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא בְּרֶסְלֶב.**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר צוּפְרִידְן פוּן דַיין אַרְבֶּעט; גֵיי וַוייטֶער אָן מִיטְ׳ן לֶערְנֶען דִי מֵיידְלֶעךְ, יֶעדֶער אִיז צוּפְרִידְן פוּן דַיין אַרְבֶּעט. דִי אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת וָואס כַאפְּן זִיךְ אַריין אִין דִיר, דוּ טְרַאכְסְט: ׳אִיךְ בִּין יָא גוּט, אִיךְ בִּין נִישְׁט גוּט; מֶען דַארְף מִיר יָא, מֶען דַארְף מִיר נִישְׁט׳; דָאס אִיז אַלֶעס יֵצֶר הָרָע, דוּ בִּיסְט זֵייעֶר אַ גוּטֶע טִיטְשֶׁער.

אַז דוּ ווִילְסְט הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן מִיזְטוּ וִויסְן דֶעם כְּלַל אַז מֶען מוּז הָאבְּן סַבְלָנוּת, מֶען דַארְף הָאבְּן גֶעדוּלְד אוּן אוֹיסְוַוארְטְן אוֹיף דִי יְשׁוּעָה; הָאב נִישְׁט מוֹרָא, דוּ וֶועסְט טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ.

...

### פִיר גוּטֶע דָאקְטוֹרִים.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת תְּצַוֶּה, ח׳ אֲדָר, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**... תְּחְיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא בְּרֶסְלֶב.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הֶער אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע גְרִיסְן פוּן דַיינֶע לֶערֶערִינְס אוּן פוּן דַיין מְנַהֶלֶת, אַז דוּ בִּיסְט זֵייעֶר אַ וואוֹילֶע מֵיידְל; אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ וַוייטֶער פִירְן אַזוֹי וֶועסְטוּ מִיר מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ.

דַיין נָאמֶען דֶערְמַאנְט מִיר פוּן מוֹהַרְא״ש; מוֹהַרְא״שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט (חֵלֶק כ״ז, מִכְתָּב ד׳ אֲלָפִים, שי״ט) עֶס אִיז גֶעוֶוען אַמָאל וֶוען עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גוּט גֶעשְׁפִּירְט אוּן אַלֶע דָאקְטוֹרִים הָאבְּן אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר גֵייט שְׁטַארְבְּן, מוֹהַרְא״שׁ שְׁרַייבְּט דָארְט: ״בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ לֶעבּ שׁוֹין אַזוֹי צְוָואנְצִיג יָאר, וַוייל אִיךְ הָאבּ גוּטֶע דָאקְטוֹרִים וָואס אִיךְ רִיר זִיךְ נִישְׁט אָן זֵיי״, מוֹהַרְא״שׁ רֶעכְנְט אוֹיס זַיינֶע פִיר דָאקְטוֹרִים: ״דֶער עֶרְשְׁטֶער דָאקְטֶער אִיז דר. פְרֵיילִיךְ; דֶער צְוֵוייטֶער דָאקְטֶער - דר. פֶעלְדְמַאן; דר. לֶערְנֶער אוּן דר. וַואסֶערְמַאן״.

דר. פְרֵיילִיךְ לֶערְנְט מִיר צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ; דר. לֶערְנֶער זָאגְט מִיר אִיךְ זָאל לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג; דר. פֶעלְדְמַאן שְׁטַארְקְט מִיר אִיךְ זָאל מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת אוֹיפְ׳ן פֶעלְד - פֶעלְדְמַאן אִיז אַ מֶענְטְשׁ וָואס גֵייט יֶעדְן טָאג אִין פֶעלְד; אוּן דר. וַואסֶערְמַאן הֵייסְט מִיר גֵיין אִין מִקְוֶה יֶעדְן טָאג. - אַ מֶענְטְשׁ וָואס גֵייט יֶעדְן טָאג אִין וַואסֶער אִיז אַ וַואסֶער מַאן.

אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר יֶעדְן טָאג דוּ זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

### וָואס צוּ טוּן פַארְ׳ן טַאטֶע׳ס נְשָׁמָה.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת תְּצַוֶּה, ח׳ אֲדָר, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תְּחְיֶ׳.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

הַמָּקוֹם יְנַחֵם אוֹתָךְ בְּתוֹךְ שְׁאָר אֲבֵלֵי צִיּוֹן וִירוּשָׁלַיִם, אִיר זָאלְט נִישְׁט וִויסְן מֶער פוּן קַיין צַעַר.

אִיר פְרֶעגְט וָואס אִיר זָאלְט טוּן פַאר אַייעֶר טַאטֶע׳ס נְשָׁמָה, אִיר זֶענְט זֵייעֶר בַּאזָארְגְט וָואס עֶס טוּט זִיךְ מִיט זַיין נְשָׁמָה; וֶוען רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי׳ן וָואס עֶר זָאל טוּן פַאר זַיין מַאמֶע׳ס נְשָׁמָה אַז זִי זָאל הָאבְּן עֲלִיָּה, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "זָאג דִי בְּרָכָה פוּן אֲשֶׁר יָצַר מִיט כַּוָּונָה"; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אוֹיבְן אִין הִימְל אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אוּן זֵייעֶר הֵיילִיג יֶעדֶע בְּרָכָה וָואס מֶען מַאכְט מִיט כַּוָּונָה, יֶעדֶע מִצְוָה אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב, בִּפְרַט אַ אִידִישֶׁע פְרוֹי וָואס אִיר גַאנְצֶע לֶעבְּן בַּאשֶׁעפְטִיגְט זִי זִיךְ נָאר מִיט מִצְוֹת, טָאג אוּן נַאכְט אִיז זִי פַארְנוּמֶען מִיט דִי קִינְדֶער, זֵיי אוֹיפְצִיעֶן צוּ זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן - דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ פַאר דִי נְשָׁמָה פוּן דִי עֶלְטֶערְן.

יֶעדֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס קִינְדֶער טוּעֶן הָאבְּן דִי עֶלְטֶערְן׳ס נְשָׁמָה אַן עֲלִיָּה פוּן דֶעם; דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט אַייעֶר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אִיר זָאלְט אוֹיפְבְּרֶענְגֶען אַייעֶרֶע קִינְדֶער מִיט לִיבְשַׁאפְט אוּן וַוארֶעמְקֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ דִי תּוֹרָה, וֶועט אַייעֶר טַאטֶע רוּעֶן אִין גַן עֵדֶן.

...

## עֵצוֹת צוּ וֶוערְן פְרֵיילִיךְ.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ח׳ אֲדָר, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא בְּרֶסְלֶב.**

דוּ הָאסְט מִיר מַמָּשׁ מְחַיֶ׳ גֶעוֶוען מִיט דַיין בְּרִיווּ.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ זָאגְסְט יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים, דוּ הָאסְט שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט דֶעם אַכְט אוּן צְוָואנְסִיגְסְטְן מָאל סֵפֶר תְּהִלִּים; אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט וַוייטֶער זָאגְן תְּהִלִּים, דוּ וֶועסְט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט שֵׁיידְן פוּנֶעם תְּהִלִּים.

אִיךְ הֶער צוּרִיק זֵייעֶר גוּטֶע גְרִיסְן פוּן דַיינֶע לֶערֶערִינְ׳ס, זֵיי זָאגְן אַלֶע אַז דוּ בִּיסְט זֵייעֶר אַ ווָאוֹילֶע מֵיידְל, דָאס אַלֵיינְס דַארְף דִיר פְרֵיילִיךְ מַאכְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז אַן עֵצָה וִוי אַזוֹי צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, דוּרְךְ טַאנְצְן יֶעדְן טָאג. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת אוֹת שִׂמְחָה, סִימָן ח): "עַל יְדֵי הָרִקּוּדִין וְהַתְּנוּעוֹת שֶׁאַתָּה עוֹשֶׂה בַּגּוּף, נִתְעוֹרֵר לְךָ שִׂמְחָה", דוּרְךְ טַאנְצְן אוּן שְׁפְּרִינְגֶען וֶוערְט מֶען

פְרֵיילִיךְ; אִין סְקוּל אִיז דָא אַ צַייט יֶעדְן טָאג וֶוען אַלֶע מֵיידְלֶעךְ טַאנְצְן אִינְאֵיינֶעם מִיט פְרֵיילִיכֶע מוּזִיק, זָאלְסְטוּ מִיט טַאנְצְן לֶעבֶּעדִיג אוּן שְׁפְּרִינְגֶען, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ.

נָאךְ אַן עֵצָה גֶעבְּט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן יז): "עַל יְדֵי בִּטָחוֹן בָּא שִׂמְחָה", דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען הָאט בִּטָחוֹן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט מֶען פְרֵיילִיךְ; דִי סִיבָּה פַארְוָואס מֶען אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ אִיז וַוייל מֶען זָארְגְט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג, מֶען טְרַאכְט: 'וָואס וֶועט זַיין?' מֶען טְרַאכְט נֶעגֶעטִיוֶוע מַחְשָׁבוֹת, דָאס מַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זַיין בְּעַצְבוּת; אִיז דִי עֵצָה אוֹיף דֶעם אַז מֶען זָאל זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען זָאל אַרַיין נֶעמֶען אִין קָאפּ אַז אַלֶעס אַלֶעס פִירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, גָארְנִישְׁט פַּאסִירְט נִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיינְס, קֵיינֶער קֶען מִיר נִישְׁט טוּן קַיין שׁוּם שְׁלֶעכְטְס אוּן עֶס קֶען נִישְׁט פַּאסִירְן צוּ מִיר קַיין שׁוּם שְׁלֶעכְטְס, נָאר וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט; דָאס מַאכְט מֶען זָאל וֶוערְן פְרֵיילִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

**הֶעלְפְן אַרָאפְּנֶעמֶען דִי גְרוֹיסֶע לַאסְט פוּן חוֹבוֹת פוּן דִי מוֹסְדוֹת.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ט' אֲדָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט מִיר הֶעלְפְן צוּזַאמְנֶעמֶען גֶעלְט פַאר דִי חוֹבוֹת אִין וָואס אִיךְ זִינְק; חוֹבוֹת פַאר דִי יְשִׁיבָה, חוֹבוֹת פַאר דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה אוּן מֵיידְל סְקוּל, חוֹבוֹת פַאר דִי קְהִלָּה.

פּוּרִים אִיז אַ צַייט וָואס אִידְן גֶעבְּן אַסַאךְ צְדָקָה; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי מְגִילָה פֶּרֶק א, הֲלָכָה ד): "כָּל הַפּוֹשֵׁט יַד נוֹתְנִים לוֹ", וֶוער עֶס בֶּעט צְדָקָה זָאל מֶען גֶעבְּן; אַזוֹי וֶועסְטוּ מִיר הֶעלְפְן אַרָאפְּנֶעמֶען דִי גְרוֹיסֶע לַאסְט וָואס לִיגְט אוֹיף מִיר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אָנְגְרֵייטְן דִי סְעוּדוֹת פּוּרִים אוּן שׁוּשַׁן פּוּרִים.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ט׳ אֲדָר, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט מִיר הֶעלְפְן אָנְגְרֵייטְן דִי סְעוּדָה, סֵיי פַאר פּוּרִים נָאכְמִיטָאג אוּן סֵיי פַאר שׁוּשַׁן פּוּרִים; אוֹיךְ הֶעלְפְן אָפְּרֵיינִיגְן.

דָאס דַארְף זַיין אוּנְזֶער גַאנְצֶע חַיּוֹת, אַז מִיר קֶענֶען הֶעלְפְן דֶעם רֶבִּי׳ן.

...

**שְׁטֶעל אַהֶער אַ שֵׁיינֶע פְּלֶעי אוֹיף שׁוּשַׁן פּוּרִים.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ט׳ אֲדָר, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט אַהֶער שְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע פְּלֶעי מִיט נָאךְ אִינְגֶעלַייט אוּן בָּחוּרִים אוֹיף שׁוּשַׁן פּוּרִים; נֶעם אַ מַעֲשֶׂה פוּן רֶבִּי׳ן אוּן שְׁפִּיל דָאס אוֹיף. לֵייג אַרַיין אִין דֶעם אַבִּיסְל מוּסָר אוּן בְּעִיקָר אַסַאךְ לֵיצָנוּת אוֹיפְ׳ן סַמֶ״ךְ מֶ״ם.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְגִילָּה כה:): ״אָמַר רַב נַחְמָן, כָּל לֵיצָנוּתָא אֲסִירָא בַּר מִלֵּיצָנוּתָא דַּעֲבוֹדַת כּוֹכָבִים דְּשַׁרְיָא״, אַלֶע סָארְט לֵיצָנוּת אִיז אָסוּר אָבֶּער לֵיצָנוּת אוֹיף עֲבוֹדָה זָרָה אִיז מוּתָּר; זָאלְסְטוּ מַאכְן אַסַאךְ גֶעשְׁפֶּעט פוּן דִי הַיינְטִיגֶע עֲבוֹדָה זָרָה וְכוּ׳, וְכוּ׳.

אוֹיבּ עֶס אִיז נָאךְ שַׁיָּיךְ צוּ מַאכְן אַ שֵׁיינֶע מַארְשׁ מִיט דִי קִינְדֶער פוּן תַּלְמוּד תּוֹרָה; דַיין כִּתָּה אוּן דִי כִּתָּה פוּן ... נֵרוֹ יָאִיר.

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס וָואס דוּ הֶעלְפְּסְט מִיר.

...

**אָנְגְרֵייטְן מוּזִיק פַאר פּוּרִים און פַאר דִי חֲתוּנוֹת.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ט' אֲדָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ בֶּעט דִיר אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט אָנְגְרֵייטְן מוּזִיק פַאר פּוּרִים נָאכְמִיטָאג און פַאר שׁוּשַׁן פּוּרִים.

אוֹיךְ וֶועט אִם יִרְצֶה ה' זַיין נָאךְ צְוֵויי חֲתוּנוֹת אִין יְשִׁיבָה אַ וָואךְ נָאךְ פּוּרִים; אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט מִיר הֶעלְפְן זִיךְ אָנְגְרֵייטְן מִיט דִי מוּזִיק, אַזוֹי וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ קְהִלָּה וואוּ מֶען קֶען לֶעבְּן, מֶען קֶען מַאכְן שִׂמְחוֹת אָן וֶוערְן פַארְשְׁוַוארְצְט און בְּלַייבְּן אַ בַּעַל חוֹב.

...

**מֶען דַארְף מְחַנֵךְ זַיין קִינְדֶער צוּ דַאוְונֶען.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ט' אֲדָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס אִיז בִּכְלַל דַיין שְׁאֵלָה? אַוַדַאי דַארְף מֶען מְחַנֵךְ זַיין קִינְדֶער צוּ דַאוְונֶען; פוּן וֶוען זֵיי זֶענֶען קְלֵיינֶע קִינְדֶער דַארְף מֶען זֵיי מְחַנֵךְ זַיין צוּ דַאוְונֶען. אָפְּגֶערֶעדְט דַיין זוּן וָואס עֶר אִיז שׁוֹין עֶלְף יָאר, עֶר אִיז אַ גְרוֹיס קִינְד, נָאר אֲפִילוּ קְלֵיינֶע קִינְדֶער, קִינְדֶער פוּן פִינְף זֶעקְס יָאר - דַארְף מֶען שׁוֹין מְחַנֵךְ זַיין צוּ דַאוְונֶען.

ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ בְּרֶענְגֶען קִינְדֶער אִין שׁוּל, זֵיי זָאלְן אוֹיפְוַואקְסְן מִיטְ'ן שׁוּל, דָאס זָאל זַיין אַ חֵלֶק פוּן לֶעבְּן. אָבֶּער מֶען דַארְף ווִיסְן אַז מֶען קֶען נִישְׁט בְּרֶענְגֶען קִינְדֶער און שׁוּל און זֵיי לָאזְן שְׁפִּילְן אִינְדְרוֹיסְן וְכוּ', מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן דַאוְונֶען און אוֹיסְהֶערְן דָאס לֵיינֶען, הַגָּדוֹל לְפִי גָּדְלוֹ וְהַקָּטָן לְפִי קָטְנוֹ; קְלֵיינֶע קִינְדֶער, פִיר יֶערִיגֶע קִינְדֶער רוּפְט מֶען אַרַיין צוּ קְדוּשָׁה און כֶּתֶר, גְרֶעסֶערֶע קִינְדֶער דַארְפְן שׁוֹין דַאוְונֶען וָואס זֵיי דַאוְונֶען אִין חֵדֶר, און וֶוען זֵיי וֶוערְן נָאךְ גְרֶעסֶער - נַיין יֶערִיגֶע, צֶען יֶערִיגֶע - דַארְפְן זֵיי שׁוֹין מִיטְהַאלְטְן דָאס גַאנְצֶע דַאוְונֶען און אוֹיךְ אוֹיסְהֶערְן קְרִיאַת הַתּוֹרָה. אַז מֶען אִיז מְחַנֵךְ דִי קִינְדֶער פוּן וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ יוּנְג וֶועט מֶען זֶען

שֵׁיינֶע פֵּירוֹת שְׁפֶּעטֶער.

וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז קִינְדֶער וֶוען זֵיי וֶוערְן עֶלְטֶער אִיז שְׁוֶוער זֵיי צוּ טוּישְׁן, דִי צַייט פוּן חִינוּךְ אִיז וֶוען זֵיי זֶענֶען יוּנְג דֶעמָאלְט הֶערְן זֵיי אוֹיס; שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי יג, כד): "חוֹשֵׂךְ שִׁבְטוֹ שׂוֹנֵא בְנוֹ, וְאֹהֲבוֹ שִׁחֲרוֹ מוּסָר", וֶוער עֶס הָאט לִיבּ זַיין קִינְד אִיז עֶר אִים מְחַנֵּךְ בְּדֶרֶךְ הַתּוֹרָה; ווִידֶערְאוּם וֶוער עֶס אִיז נִישְׁט מְחַנֵּךְ דִי קִינְדֶער, עֶר שׂוֹינְט זַיינֶע קִינְדֶער, וֶועלְן זֵיי אַרָאפּ גֵּיין פוּן אִידִישְׁן וֶועג. אַזוֹי ווִי מִיר זֶעעֶן בַּיי אַבְרָהָם אָבִינוּ, עֶר הָאט גֶעזֶען זַיין זוּן יִשְׁמָעֵאל קוּמְט אַהֵיים מִיט אַ צֶלֶם אוּן עֶר שְׁפִּילְט זִיךְ דֶערְמִיט, עֶר הָאט אִים גֶעשׂוֹינְט אוּן גָארְנִישְׁט גֶעזָאגְט, הָאט עֶר אִים גֶעמוּזְט שְׁפֶּעטֶער פַּארְטְרַייבְּן פוּן שְׁטוּבּ עֶר זָאל נִישְׁט קַאלְיֶע מַאכְן זַיין בְּרוּדֶער יִצְחָק, אוֹיךְ זֶעעֶן מִיר, עֶס שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית כה, כח): "וַיֶּאֱהַב יִצְחָק אֶת עֵשָׂו כִּי צַיִד בְּפִיו", יִצְחָק הָאט לִיבּ גֶעהַאט עֵשָׂו, עֶר הָאט אִים נִישְׁט מְחַנֵּךְ גֶעוֶוען, עֶר הָאט אִים גֶעלָאזְט טוּן וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, צוּם סוֹף אִיז עֶר אַרוֹיס לְתַרְבּוּת רָעָה, וַוייל וֶוען מֶען אִיז נִישְׁט מְחַנֵּךְ דִי קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ יוּנְג אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער בַּיים סוֹף. עֶס אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט נָאכְקוּקְן דֶעם מֶדְרָשׁ (שְׁמוֹת רַבָּה, א; תַּנְחוּמָא שְׁמוֹת, א) וֶועסְטוּ זֶען ווִי עֶר רֶעכְנְט אוֹיס נָאךְ מַעֲשִׂיּוֹת פוּן אַבְשָׁלוֹם אוּן אֲדוֹנִיָּה - דִי קִינְדֶער פוּן דָוִד הַמֶּלֶךְ, וָואס דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט זֵיי נִישְׁט מְחַנֵּךְ גֶעוֶוען, אוּן וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען מִיט זֵיי. פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זֶעט מֶען אַז אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט מְחַנֵּךְ גֶעוֶוען יִצְחָק, אוּן יִצְחָק אָבִינוּ הָאט מְחַנֵּךְ גֶעוֶוען יַעֲקֹב אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, דוּרְכְדֶעם זֶענֶען זֵיי גֶעוָוארְן גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים אוּן מֶען הָאט גֶעהַאט פוּן זֵיי אַסַאךְ נַחַת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### פָּטוּר וֶוערְן פוּן עֲמָלֵק.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה-זָכוֹר, י' אֲדָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶעם שַׁבָּת אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער שַׁבָּת, שַׁבַּת זָכוֹר, וֶוען מִיר גֵייעֶן מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוָה פוּן אוֹיסְמֶעקְן עֲמָלֵק; זָאלְסְטוּ זֶען צוּ קוּמֶען דַאוֶוענֶען שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי,

זָאלְסְט זַיין בַּיים לֵיינֶען און אוֹיסְהֶערְן דָאס לֵיינֶען כְּדֵי דוּ זָאלְסְט קֶענֶען יוֹצֵא זַיין דִי מִצְוָה פון מְחִיאַת עֲמָלֵק.

בְּנוֹגֵעַ פְּרוֹיעֶן; עֶס זֶענֶען דָא פְרוֹיעֶן וָואס זֶענֶען זֵייעֶר מַקְפִּיד צוּ גֵיין אִין שׁוּל הֶערְן פַּרְשַׁת זָכוֹר, נָאכְדֶעם זֶענֶען דָא וָואס קוּמֶען נִישְׁט אָן צוּ גֵיין אִין שׁוּל, זֵיי פַארְלָאזְן זִיךְ אוֹיף פּוּרִים אִינְדֶערְפְרִי וֶוען זֵיי קוּמֶען אִין שׁוּל הֶערְן דִי מְגִילָה, דֶעמָאלְט לֵיינְט דֶער בַּעַל קוֹרֵא דִי פַּרְשָׁה פון וַיָּבֹא עֲמָלֵק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ פָּטוּר וֶוערְן פון עֲמָלֵק, פון דִי סְפֵיקוֹת וָואס עֲמָלֵק בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין אוּנְז; עֲמָלֵ"ק אִיז בְּגִמַטְרִיָּא סָפֵ"ק, עֲמָלֵק בְּרֶענְגְט אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ סְפֵיקוֹת: 'וֶועל אִיךְ נָאךְ הָאבְּן אַ תַּקָּנָה?' 'קֶען אִיךְ נָאךְ תְּשׁוּבָה טוּן?' 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף מִיר?' און מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ דִי קְדוּשָּׁה פון מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק וָואס אִיז גֶעזֶעצְן שְׁטֶענְדִיג בְּשַׁעַר הַמֶּלֶךְ, עֶר אִיז גֶעוֶוען דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

פּוּרִים נָאכְמִיטָאג וֶועט זַיין אַ סְעוּדָה אִין יְשִׁיבָה און שׁוּשַׁן פּוּרִים וֶועט אוֹיךְ זַיין אַ סְעוּדָה מִיט אַ פָארְשְׁטֶעלוּנְג פון אֵיינֶע פוּנֶעם רֶבִּינְ'ס מַעֲשִׂיוֹת.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

## קַיין יֵאוּשׁ אִיז נִישְׁט פַארְהַאנֶען!

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י"ב אֲדָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט מִיר הֶעלְפְן צוּזַאמְנֶעמֶען גֶעלְט פַאר דִי חוֹבוֹת אִין וָואס אִיךְ זִינְק; חוֹבוֹת פַאר דִי יְשִׁיבָה, חוֹבוֹת פַאר דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה און מֵיידְל סְקוּל, חוֹבוֹת פַאר דִי קְהִלָּה.

פּוּרִים אִיז אַ צַייט וָואס אִידְן גֶעבְּן אַסַאךְ צְדָקָה; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי מְגִילָה פֶּרֶק א, הֲלָכָה ד): "כָּל הַפּוֹשֵׁט יַד נוֹתְנִים לוֹ", וֶוער עֶס בֶּעט צְדָקָה זָאל מֶען גֶעבְּן; אַזוֹי וֶועסְטוּ מִיר הֶעלְפְן אַרָאפְּנֶעמֶען דִי גְרוֹיסֶע לַאסְט וָואס לִיגְט אוֹיף מִיר.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְגִילָּה יג:): "אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה הָיְתָה עוֹמֶדֶת מֵחֵיקוֹ שֶׁל אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ, וְטוֹבֶלֶת, וְיוֹשֶׁבֶת בְּחֵיקוֹ שֶׁל מָרְדְּכַי", זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף יֶעדְן אִיד, אֲפִילּוּ וֶוען מֶען אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁמוּצִיגֶע עֲבֵירוֹת, מֶען לִיגְט שׁוֹין אִינֶעם שׂוֹיס פוּן אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ, מֶען פַּאלְט אַרָאפּ אִין פְּגַם הַבְּרִית אִין הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְלָן וְכוּ' וְכוּ', זָאל מֶען טוּן וָואס אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה הָאט גֶעטוּן: "טוֹבֶלֶת" - גֵיי אִין מִקְוֶה, "וְיוֹשֶׁבֶת בְּחֵיקוֹ שֶׁל מָרְדְּכַי" - אוּן לוֹיף צוּם צַדִּיק, צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי אִיז מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק וָואס אִיז מַכְנִיעַ עֲמָלֵק אִין יֶעדְן דוֹר, אוּן הֶער דֶעם קוֹל וָואס דֶער רֶבִּי שְׁרֵייט: "גִיוַואלְד! קַיין יֵאוּשׁ אִיז נִישְׁט פַארְהַאנֶען" נָאר יֶעדֶער קֶען זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן יֶעדֶער קֶען אָנְהֵייבְּן פוּנְדָאסְנֵיי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**וִוי אַזוֹי אוֹיסְצוּנוּצְן דִי טֶעג פוּן תַּעֲנִית אֶסְתֵּר אוּן פּוּרִים.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י"ג אֲדָר, תַּעֲנִית אֶסְתֵּר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הַיינְט אִיז אַ גְרוֹיסֶע טָאג צוּ פּוֹעֵל'ן יְשׁוּעוֹת; עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סְפָרִים הַקְדוֹשִׁים (יְסוֹד יוֹסֵף, פֶּרֶק א) אַז אִינֶעם הַיינְטִיגְן טָאג זָאל מֶען זָאגְן דֶעם קַאפִּיטְל וָואס אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה הָאט גֶעזָאגְט וֶוען זִי אִיז אַרַיין צוּ אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ אִין פַּאלַאץ, זִי הָאט זִיךְ דֶערְשְׁרָאקְן זֶעעֶנְדִיג אַלֶע עֲבוֹדָה זָרָה'ס הָאט זִי אָנְגֶעפַאנְגֶען זָאגְן דֶעם קַאפִּיטְל (תְּהִלִּים, כב): "קֵלִי קֵלִי לָמָה עֲזַבְתָּנִי", (עֶס זֶענֶען דָא וָואס זָאגְן אַז זִי אַלֵיינְס הָאט מְחַבֵּר גֶעוֶוען דֶעם קַאפִּיטְל). נָאכְדֶעם זָאל מֶען זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ וֶועט מֶען זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים.

מֶען קוּמְט אִין שׁוּל מִיט בִּגְדֵי שַׁבָּת; פַאר מִנְחָה גֶעבְּט מֶען מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל, מֶען פִּירְט זִיךְ צוּ גֶעבְּן דְרַיי הַאלְבֶּע דָאלֶערְס. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צְדָקָה, חֵלֶק ב', סִימָן יט): "עַל יְדֵי נְתִינַת שְׁקָלִים נִיצוֹל מִיֵּצֶר הָרַע", דוּרְךְ גֶעבְּן דִי שְׁקָלִים וֶוערְט מֶען נִיצוֹל פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע; אִיז בִּשְׁעַת דוּ גֶעבְּסְט דִי שְׁקָלִים זָאלְסְטוּ

בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע [זֶע אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע תְּפִלָּה בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו].

בִּשְׁעַת מֶען לֵיינְט דִי מְגִילָה אִיז אַ צַייט וָואס אַלֶע הִימְלֶען זֶענֶען אָפְן, מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ פּוֹעֶלְ'ן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְגִילָה יד.): "קְרָיָיתָא זוֹ הַלֵּילָא", דִי מְגִילָה וָואס מִיר הֶערְן דָאס אִיז אַזוֹי וִוי מִיר זָאגְן הַלֵּל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט וָואס מֶען דַארְף.

פְרוֹיעֶן זֶענֶען אוֹיךְ מְחוּיָב מִיט קְרִיאַת הַמְּגִלָּה וַוייל זֵיי זֶענֶען אוֹיךְ גֶעוֶוען אִין דִי בִּיטֶערֶע גְזֵירָה פוּן הָמָן (מְגִילָה ד.) אוּן זֶענֶען גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן; אוֹיבּ דוּ הָאסְט גָאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער זָאלְסְטוּ זִיךְ אַיינְטֵיילְן מִיט דַיין וַוייבּ זִי זָאל אוֹיךְ קֶענֶען גֵיין אִין שׁוּל הֶערְן דִי מְגִילָה, אָדֶער זָאלְסְטוּ לֵיינֶען דִי מְגִילָה פַאר דַיין וַוייבּ אִין שְׁטוּבּ; מֶען קֶען נִישְׁט בְּרֶענְגֶען אִין שׁוּל קְלֵיינֶע קִינְדֶער וָואס שְׁטֶערְן דִי גַאנְצֶע שׁוּל פוּן יוֹצֵא זַיין דִי מְגִילָה.

הַיינְט נַאכְט אִיז נִישְׁט קַיין מִצְוָה צוּ טְרִינְקֶען, הַיינְט נַאכְט מַאכְט מֶען נִישְׁט קַיין גְרוֹיסֶע סְעוּדוֹת, דֶער עִיקַר מִצְוָה פוּן סְעוּדַת פּוּרִים אִיז מָארְגְן; עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ זִיךְ לֵייגְן פְּרִי אוּן אוֹיפְשְׁטֵיין פְּרִי אַז דוּ זָאלְסְט קֶענֶען לֶערְנֶען דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין. וואוּיל אִיז דֶעם וָואס נוּצְט אוֹיס דֶעם גְרוֹיסְן טָאג פּוּרִים מִיט תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, עֶר גֵייט אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן אוּן גִיסְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוּן אוּנְז רַאטֶעוֶועְן פוּן הָמָן וָואס וִויל אוּנְז הַרְגְ'נֶען, עֶר וִויל אוּנְז אַרָאפְּוַוארְפְן אִין עֲבֵירוֹת.

מָארְגְן פּוּרִים נָאכְמִיטָאג וֶועט מֶען זִיךְ צוּזַאמְקוּמֶען אִין יְשִׁיבָה דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי נִיסִים וָואס עֶר טוּט מִיט אוּנְז; אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע נֵס וָואס מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען, צוּ זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס רַאטֶעוֶועט אוּנְז פוּן הָמָן - פוּנֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם וָואס וִויל אוּנְז נָאר אוֹיסְרַייסְן פוּן דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט, מִיר דַארְפְן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וִויסְן פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס אַז מִיר זָאלְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים בֶּעטְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס מִיר דַארְפְן.

אִיךְ וֶועל זַיין אִין שְׁטוּבּ פּוּרִים נָאכְמִיטָאג.

אַ פְרֵיילִיכְן פּוּרִים.

...

[אַ תְּפִילָּה צוּ זָאגְן פַארְ'ן גֶעבְּן "מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל"

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִין דֶעם זְכוּת וָואס אִיךְ גֶעבּ דֶעם מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל הֶעלְף מִיר אַרוֹיס אִיךְ זָאל גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צְדָקָה, חֵלֶק ב', סִימָן יט): "עַל יְדֵי נְתִינַת שְׁקָלִים נִיצוֹל מִיֵּצֶר הָרָע", אוּן אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁמִירַת עֵינַיִם אוּן שְׁמִירַת הַמַּחְשָׁבָה.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל אַלֶעמָאל גֶעדֶענְקֶען אַז אִיךְ בִּין נָאר הַאלְבּ אוּן אִיךְ דַארְף צוּקוּמֶען צוּ נָאךְ אַ אִיד; אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ מַכְנִיעַ זַיין דִי קְלִיפָּה פוּן הָמָן עֲמָלֵק וָואס זַייעֶר גַאנְצֶע זַאךְ אִיז נָאר מַחְלוֹקֶת, אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע בְּרָכוֹת אוּן יְשׁוּעוֹת וָואס קוּמֶען אִין זְכוּת פוּן אַלֶע מִצְווֹת פוּן דֶעם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב פּוּרִים.

בִּזְכוּת רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא, וּבִזְכוּת רַבֵּינוּ אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה בֶּן מְנַחֵם זְאֵב, זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ.]

**מִיר דַארְפְן טְרִינְקֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל פוּן דִי גוּטֶע מַשְׁקֶה.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת כִּי תִשָּׂא, ט"ו אֲדָר, שׁוּשַׁן פּוּרִים, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

ווִי גְלִיקְלִיךְ זֶענֶען מִיר אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְווֹת פוּן פּוּרִים: קְרִיאַת הַמְגִילָה, מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת, מַתָּנוֹת לָאֶבְיוֹנִים אוּן גֶעגֶעסְן דֶעם סְעוּדַת פּוּרִים; מִיר הָאבְּן גֶעטְרִינְקֶען וַויין אוּן גֶעבְּרָאכְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז מֶען טְרִינְקְט פּוּרִים וַויין - אִיז דָאס אַ תִּיקּוּן הַבְּרִית, מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז אוֹיבּ מֶען בְּרֶעכְט נָאכְדֶעם אִיז מַמָּשׁ אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (אִיּוֹב כ, טו): "חַיִל בָּלַע וַיְקִאֶנּוּ" - דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם דַארְף אוֹיסְבְּרֶעכְן אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶענוּמֶען פוּן אוּנְז.

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיר הָאבְּן גֶעטְרִינְקֶען נֶעכְטְן, אָבֶּער אִיךְ ווִיל דִיר מְחַזֵּק זַיין דוּ זָאלְסְט אַ גַאנְץ יָאר טְרִינְקֶען. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן טְרִינְקֶען יֶעדְן טָאג אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע מַשְׁקֶה, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תפה): "אַ גוּט קַאפִּיטְל תְּהִלִּים אִיז אַזוֹי וִוי אַ פָּאנְטְשׁ"", מִיר דַארְפְן טְרִינְקֶען יֶעדְן טָאג

אַבִּיסְל פוּן דִי גוּטֶע מַשְׁקֶה, יֶעדְן טָאג זָאגְן אַבִּיסְל תְּהִלִּים; נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כג): "וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶסְט יֶעדְן טָאג אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, אוּן טְרִינְקְט קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, אוּן טוּט זִיךְ אָן מִיט מִצְווֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים".

הַיינְט נַאכְט וֶועט זַיין אַ סְעוּדָה אִין יְשִׁיבָה פַאר אַלֶע תַּלְמִידִים, קוּם מִיט דַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה.

...

**ווִי אַזוֹי גֶעבְּט מֶען זִיךְ אַן עֵצָה מִיט דִי קָארָאנֶע-וֵויירוּס?**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ה' פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י"ז אֲדָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז יֶעצְט אִין אַ פַּחַד, מֶענְטְשְׁן לוֹיפְן קוֹיפְן עֶסְן, מֶען הָאט מוֹרָא פוּן דִי קָארָאנֶע-וֵויירוּס הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ. מֶענְטְשְׁן זֶענֶען דֶערְשְׁרָאקְן, מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וָואס עֶס גֵייט פָּאר; שְׁטַארְקֶע לֶענְדֶער וֶוערְן שְׁוַואךְ, רַייכֶע מֶענְטְשְׁן בַּאהַאלְטְן זִיךְ, גְרוֹיסֶע זִינְגֶערְס אוּן עֶקְטֶערְס זִיצְן אָפְּגֶעזוּנְדֶערְט אִין שְׁטוּבּ, קֵיינֶער פָּארְט נִישְׁט, קֵיינֶער קוּמְט נִישְׁט, עֶס זֶעט אוֹיס ווִי דִי וֶועלְט קוּמְט צוּ אַן עֶנְדֶע; קֵיינֶער כַאפְּט נִישְׁט אַז דָאס אִיז אַלֶעס פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל אוּנְז אוֹיפְוֶועקְן פוּן שְׁלָאף, מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט אַיינְרֶעדְן אַז מִיר וואוֹינֶען אִין אַ שְׁטַארְקֶע מְדִינָה, מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן אוֹיף קֵיינֶעם אִין דִי וֶועלְט, מֶען זָאל נִישְׁט מֵיינֶען אַז גֶעלְט וֶועט אוּנְז הֶעלְפְן, בִּיזְנֶעס וֶועט אוּנְז הֶעלְפְן, דִי מְדִינָה, יֶענֶע מְדִינָה - וֶועט אוּנְז הֶעלְפְן, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז הֶעלְפְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יב): עֶס אִיז פַארְהַאן אַ גִיבּוֹר וָואס גֵייט אַרוּם דִי וֶועלְט אוּן נֶעמְט אַיין מְדִינוֹת, דִי מְדִינוֹת וָואס גֶעבְּן זִיךְ אוּנְטֶער צוּ אִים - לָאזְט עֶר אָפּ, אָבֶּער דִי מְדִינוֹת וָואס ווִילְן זִיךְ נִישְׁט מַכְנִיעַ זַיין אוּנְטֶער אִים נֶעמְט עֶר אַיין, עֶר מַאכְט אוֹיס פוּן דִי מְדִינוֹת; מוֹהַרְאַ"שׁ גֶעבְּט אוּנְז צוּ פַארְשְׁטֵיין, אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס שִׁיקְט זַיין מִדַּת הַגְּבוּרָה, אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מַכְנִיעַ צוּ אִים, עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים, דֶעמָאלְט לָאזְט עֶר דֶעם מֶענְטְשׁ גֵיין אוּן אַז נִישְׁט

אִיז זַייעֶר בִּיטֶער.

יֶעצְט אִיז אַ גוּטֶע צַייט צוּ גֵיין הַפָּצָה; אַזוֹי וִוי דֶער בַּעַל תְּפִלָּה הָאט גֶעטוּן מִיט דִי מֶענְטְשְׁן פוּן דִי מְדִינָה פוּן דִי עֲשִׁירִים, וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט צוּ טוּן מִיטְ'ן גִיבּוֹר דֶעמָאלְט הָאבְּן זֵיי גֶערֶעדְט מִיט אִים, דֶעמָאלְט הָאבְּן זֵיי אִים אוֹיסְגֶעהֶערְט וָואס עֶר רֶעדְט, דִי דִיבּוּרִים פוּן תַּכְלִית; אַזוֹי אִיז יֶעצְט וֶוען אַלֶע זֶענֶען צֶעטוּמְלְט אוּן צֶעטְרֵייסְלְט פוּן דִי קָארָאנֶע, מֶען צִיטֶערְט פוּנֶעם גִיבּוֹר, מֶען וִויל זִיךְ נִישְׁט מַכְנִיעַ זַיין צוּ אִים וַוייל עֶר פַארְמִיאוּסְט גֶעלְט, יֶעצְט נֶעם אַ זֶעקְל סְפָרִים, קוּנְטְרֵסִים, סִידִּים אוּן גֵיי דֶערְמִיט הַפָּצָה.

אִיךְ דַארְף מְקַצֵּר זַיין; אִיךְ דַארְף גֵיין צוּ דִי טַייעֶרֶע בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה, זֵיי וַוארְטְן אוֹיף אַ שִׁיעוּר, אִיךְ דַארְף זֵיי מְחַזֵּק זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

**פַּרְשַׁת פָּרָה רֵיינִיגְט מֶען זִיךְ אוֹיף יוֹם טוֹב פֶּסַח.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא-פָּרָה, י"ח אֲדָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד דִי חָשׁוּבֶ'עֶ חֲבוּרָה תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ בְּרֶסְלֶב בִּירוּשָׁלַיִם עִיר הַקּוֹדֶשׁ, ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ.**

אִיךְ שְׁרַייבּ אַייךְ אַפָּאר וֶוערְטֶער, דָאס זָאלְט אִיר לֶערְנֶען צוּזַאמֶען בַּיי שַׁלֹשׁ סְעוּדוֹת.

אִיךְ וִויל אַייךְ זֵייעֶר בֶּעטְן אַז בִּשְׁעַת מֶען לֶערְנְט פָאר זָאל מֶען נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן; עֶס דַארְף זַיין שְׁטִיל, מֶען דַארְף זִיצְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, נָאר אַזוֹי קֶען מֶען מְקַבֵּל זַיין דִי גוּטֶע עֵצוֹת.

דִי וָואךְ שַׁבָּת אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער שַׁבָּת, מֶען לֵיינְט דִי פַּרְשָׁה פוּן טַהֲרַת יִשְׂרָאֵל, דִי פַּרְשָׁה פוּן פָּרָה אֲדוּמָה; מִיט דֶעם אִיז מֶען מְקַיֵּים (הוֹשֵׁעַ יד, ג): 'וּנְשַׁלְּמָה פָרִים שְׂפָתֵינוּ', דָאס אִיז דִי הֲכָנָה צוּ קֶענֶען מְקַבֵּל זַיין דֶעם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב פֶּסַח, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן עד): "אַחַר פּוּרִים קוֹרִין פָּרָשַׁת פָּרָה שֶׁהִיא הֲכָנָה לְפֶסַח, כִּי פָּרָשַׁת פָּרָה קוֹרִין כְּדֵי שֶׁיִּהְיוּ נִזְהָרִין לְטָהֵר מִטֻּמְאַת מֵת, כְּדֵי שֶׁיִּהְיוּ טְהוֹרִין לַעֲשׂוֹת הַפֶּסַח", וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זִיךְ מְטַהֵר פוּן טֻמְאַת מֵת? דוּרְךְ:

׳וּנְשַׁלְּמָה פָרִים שְׂפָתֵינוּ׳, מִיטְ׳ן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (הוֹשֵׁעַ, שָׁם): ״קְחוּ עִמָּכֶם דְּבָרִים וְשׁוּבוּ אֶל ה׳, אִמְרוּ אֵלָיו כָּל תִּשָּׂא עָוֹן וְקַח טוֹב, וּנְשַׁלְּמָה פָרִים שְׂפָתֵינוּ״; אַז מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען דֶערְצֵיילְט אִים אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער, דוּרְכְדֶעם וֶוערְט מֶען רֵיין פוּן אַלֶעס אוֹיף וָואס מֶען דַארְף תְּשׁוּבָה טוּן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מוֹחֵל אוֹיף אַלֶעס.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה וָואס הֵייסְט ׳הִתְבּוֹדְדוּת׳; אַ מֶענְטְשׁ זָאל גֵיין אִין אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, עֶר זָאל דֶערְצֵיילְן פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ; עֶר וֵויינְט צוּ אִים: **״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז דֶער יֵצֶר הָרָע וַוארְפְט מִיר אַרָאפּ נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל? ווִיפִיל מָאל אִיךְ נֶעם זִיךְ פָאר צוּ זַיין וואוֹיל פַאל אִיךְ נָאכְאַמָאל אַרָאפּ!״** דוּרְכְדֶעם נֶעמְט עֶר אַרָאפּ פוּן זִיךְ אַלֶע עוֹנְשִׁים; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִים מוֹחֵל אוּן נֶעמְט אִים צוּרִיק.

בִּפְרַט אַ מֶענְטְשׁ וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע הָאט אִים גֶעפַאנְגֶען אִין זַיין נֶעץ, עֶר זִינְדִיגְט אִין דִי מִיאוּס׳עֶ עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, זָאל עֶר נֶעמֶען דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת אוּן זָאגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס עֶר ווִיל בֶּאֱמֶת טוּן, עֶר זָאל זָאגְן: **״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, בֶּאֱמֶת ווִיל אִיךְ זַיין עֶרְלִיךְ, רֵיין אוּן הֵיילִיג, אָבֶּער עֶס גֵייט מִיר נִישְׁט, אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין אַרָאפְּפַאלְן אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְלָן, עֶס אִיז מִיר נִמְאָס דָאס לֶעבְּן״**; וֶוען מֶען טוּט דָאס, מֶען קוּמְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען גִיסְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ, נֶעמְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֶע זַיינֶע תְּפִילוֹת אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה דוּרְכְדֶעם אוֹיסְצוּמֶעקְן אַלֶע קְלִפּוֹת וּמַשְׁחִיתִים וָואס עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן דוּרְךְ זַיינֶע מַעֲשִׂים.

אִיךְ ווִיל אַייךְ מְחַזֵּק זַיין אִיר זָאלְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג; יֶעדֶער זָאל לֶערְנֶען זַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן עַל פִּי סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד פוּן רֶבִּי׳ן (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן עו), אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ״י מִיטְ׳ן תַּרְגוּם, אַבִּיסְל מִשְׁנָיוֹת אוּן אַסַאךְ בְּלֶעטֶער גְמָרָא. גְּמָרָא פַארְבְּרֶענְט דֶעם יֵצֶר הָרָע; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א׳, סִימָן ריד): ״תַּלְמוּד בְּגִימַטְרִיָּא אוֹתִיּוֹת שֶׁל שְׁמָהּ ׳לִילִית׳, עַל כֵּן יֵשׁ כֹּחַ בְּלִמּוּד הַתַּלְמוּד לְהַכְנִיעַ אוֹתָהּ״, ׳תַּלְמוּד׳ בַּאטְרֶעפְט דִי זֶעלְבֶּע ווִי דִי נָאמֶען פוּן דִי קְלִיפָּה וָואס מַאכְט אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְן אִין פְּגַם הַבְּרִית, וֶוען מֶען לֶערְנְט גְּמָרָא אִיז מֶען מַכְנִיעַ דִי קְלִיפָּה; דֶערְפַאר

הָאט דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם זַייעֶר מוֹרָא פוּן אַ דַף גְמָרָא, אַלֶעס וֶועט עֶר לָאזְן דֶעם מֶענְטְש טוּן, אַבִּי נִישְׁט עֶפֶענֶען אַ גְמָרָא.

אִיךְ בִּין נָאךְ נִישְׁט גֶעוֶוען בַּיי אַייךְ אִין שׁוּל אִין יְרוּשָׁלַיִם, אָבֶער מַיין הַארְץ אִיז מִיט עֶנְק; אִיךְ טְרַאכְט פוּן עֶנְק אוּן אִיךְ בֶּעט פַאר עֶנְקֶער הַצְלָחָה.

מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף, וֶוען אִיךְ וֶועל זַיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וֶועל אִיךְ קוּמֶען צוּ אַייךְ זִיךְ מְחַזֵּק זַיין אִינְאֵיינֶעם.

...

**לֶערְן תּוֹרָה יֶעדְן טָאג וֶועסְטוּ וֶוערְן אָפְּגֶעהִיטְן פוּן דִי קְרֶענְק.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, י"ט אֲדָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דִי גַאנְצֶע וֶועלְט לֶעבְּט יֶעצְט אִין אַ שְׁרֶעק פוּן דִי קְרֶענְק וָואס דְרֵייְדְט זִיךְ אַרוּם; מֶענְטְשְׁן וֵוייסְן נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, מֶענְטְשְׁן בַּאהַאלְטְן זִיךְ, מֶען פְרֶעגְט: "וָואס טוּט מֶען?"

אַז דוּ ווִילְסְט זִיךְ רַאטֶעוֶוען פוּן דִי קָארָאנֶע-וֵוייְרוּס אִיז דָא אֵיין וֶועג, פוּן הַיינְט זָאלְסְטוּ יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען דֶעם בְּלַאט גְמָרָא. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְן (כְּתוּבּוֹת עז:): רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי פְלֶעגְט נֶעמֶען קְרַאנְקֶע מֶענְטְשְׁן וָואס מֶען קֶען אִיבֶּערְכַאפְּן פוּן זֵיי דִי שְׁלֶעכְטֶע קְרֶענְק, עֶר פְלֶעגְט זִיךְ אַרוּם נֶעמֶען מִיט זֵיי אוּן לֶערְנֶען מִיט זֵיי תּוֹרָה, מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: 'הַיִּתָּכֵן עֶר הָאט נִישְׁט מוֹרָא פוּן דִי קְרֶענְק?' הָאט דֶער הֵיילִיגֶע אֲמוֹרָא רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא אָנְצוּכַאפְּן דִי קְרַאנְקֶע מֶענְטְשְׁן, וַוייל עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי ה, יט): 'אַיֶּלֶת אֲהָבִים וְיַעֲלַת חֵן', וֶוער עֶס לֶערְנְט תּוֹרָה בַּאקוּמְט חֵן, 'אִם חֵן מַעֲלָה עַל לוֹמְדֶיהָ, אַגּוֹנֵי לֹא מַגָּנָא?!' אוֹיבּ בַּאקוּמְט מֶען חֵן, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז עֶס הִיט אָפּ פוּן אַלֶע קְרֶענְק".

זֶעט מֶען פוּן דֶעם דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג תּוֹרָה; אֲפִילוּ עֶס דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן אַן אַייְנְגֶעשְׁטֶעלְטֶע קְרֶענְק וָואס מֶען קֶען עֶס אִיבֶּער כַאפְּן אֵיינֶער פוּן צְוֵוייטְן, עַד כְּדֵי כַּךְ אַז רֶבִּי יוֹחָנָן הָאט אוֹיסְגֶערוּפְן (כְּתוּבּוֹת, שָׁם): "גֶעבְּט אַכְטוּנְג פוּן דִי פְלִיגְן וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען בַּיי דִי מֶענְטְשְׁן וָואס

הָאבְּן דִי קְרֶענְק 'בַּעֲלֵי רָאתָן'"; רֶבִּי זֵירָא אִיז נִישְׁט גֶעזִיצְן אוֹיף דִי זַייט וואוּ דִי ווינְט בְּלָאזְט, אוֹיבּ זֶענֶען דָארְט גֶעוֶוען מֶענְטְשְׁן מִיט דִי מַחְלָה פוּן "בַּעֲלֵי רָאתָן"; רֶבִּי אֶלְיעֶזֶר אִיז נִישְׁט אַרַיין אִין אַ הוֹיז אוֹיבּ אִיז דָארְט גֶעוֶוען מֶענְטְשְׁן מִיט דִי מַחְלָה פוּן "בַּעֲלֵי רָאתָן"; רֶבִּי אַמִּי אוּן רֶבִּי אַסִּי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקוֹיפְט אֵייעֶר וָואס מֶען הָאט פַארְקוֹיפְט אוֹיף אַ גַאס וָואס דָארְט אִיז דָא אַ מֶענְטְשׁ מִיט דִי מַחֲלָה פוּן "בַּעֲלֵי רָאתָן"; מִיט דֶעם אַלֶעם הָאט דֶער הֵיילִיגֶע אֲמוֹרָא רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא אָנְצוּכַאפְּן דִי קְרַאנְקֶע מֶענְטְשְׁן אוּן לֶערְנֶען מִיט זֵיי תּוֹרָה".

אַנְשְׁטָאט לֶעבְּן מִיט שְׁרֶעק נֶעם עֶנְדֶערְשׁ דִי רְפוּאָה פַאר דִי שְׁרֶעק; נֶעם דִי בְּלֶעטֶער גְּמָרָא, דָאס וֶועט דִיר רַאטֶעוֶוען פוּן דִי קְרֶענְק; דָאס וֶועט אוּנְז בְּרֶענְגֶען אַלֶעס גוּטְס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**נָאר אֱמוּנָה וֶועט אַוֶועק נֶעמֶען דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע מַחְלָה.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - א' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ' אֲדָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

יֶעצְט וֶוען אַלֶע זֶענֶען דֶערְשְׁרָאקְן צוּם טוֹיט פוּן דִי מַחְלָה פוּן קָארָאנָע וָואס גֵייט אַרוּם אִין דִי וֶועלְט; מֶענְטְשְׁן שְׁפַּארְן זִיךְ אַיין אִין שְׁטוּבּ, מֶען לֶעבְּט אִין שְׁרֶעק, בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה. חַזֶר אֱמוּנָה מִיט זִיךְ אַלֵיינְס; חַזֶר זִיךְ דִי עֶרְשְׁטֶע אֲנִי מַאֲמִין, זָאג הוֹיךְ אוֹיפְ'ן קוֹל: "אֲנִי מַאֲמִין - אִיךְ גְלֵייבּ, בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה - מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ הוּא בּוֹרֵא - אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַלֶעס בַּאשַׁאפְן, וּמַנְהִיג לְכָל הַבְּרוּאִים - עֶר פִירְט דִי וֶועלְט, וְהוּא לְבַדּוֹ - אוּן נָאר עֶר אַלֵיין, עָשָׂה - הָאט אַלֶעס גֶעטוּן, וְעוֹשֶׂה - אוּן עֶר טוּט אַלֶעס, וְיַעֲשֶׂה לְכָל הַמַּעֲשִׂים - אוּן וֶועט אַלֶעס טוּן".

עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער דִבְרֵי חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט זָאגְן דִי דְרַייצְן אֲנִי מַאֲמִין'ס עֶטְלִיכֶע מָאל אַ טָאג, עֶר פְלֶעגְט דָאס זָאגְן אִין אִידִישׁ: "אֲנִי מַאֲמִין - אִיךְ גְלֵייבּ", אוּן עֶר פְלֶעגְט דָאס זָאגְן מִיט זַיין נָאמֶען: "חַיִּים

גְלֵייבְּט, בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה - שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ הוּא בּוֹרֵא וּמַנְהִיג לְכָל הַבְּרוּאִים, וְהוּא לְבַדּוֹ עָשָׂה וְעוֹשֶׂה וְיַעֲשֶׂה לְכָל הַמַּעֲשִׂים, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַלֶעס בַּאשַׁאפְן אוּן עֶר פִירְט דִי וֶועלְט, נָאר עֶר אַלֵיין טוּט אַלֶעס אוּן וֶועט אַלֶעס טוּן"; אַזוֹי הָאט דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק זִיךְ גֶע'חַזֶר'ט אַפָּאר מָאל אַ טָאג דִי אֱמוּנָה. הַלְוַאי זָאלְן מִיר זָאגְן דִי דְרַייצְן "אֲנִי מַאֲמִין'ס" אֵיין מָאל אַ טָאג; וַוייל וִוי מֶער מֶען חַזֶר'ט דִי אֱמוּנָה וֶוערְט עֶס מֶער אוּן מֶער אַרַיין גֶעקְרִיצְט אִינֶעם מֶענְטְשׁ.

נָאר אֱמוּנָה וֶועט אוּנְז הֵיילְן, נָאר אֱמוּנָה וֶועט אַוֶועק נֶעמֶען דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע מַחְלָה, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ה): "הָעִקָּר הוּא הָאֱמוּנָה, וְצָרִיךְ כָּל אֶחָד לְחַפֵּשׂ אֶת עַצְמוֹ, וּלְחַזֵּק אֶת עַצְמוֹ בֶּאֱמוּנָה", דֶער עִיקָר אוֹיף וָואס אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַרְבֶּעטְן צוּצוּקוּמֶען - אִיז אֱמוּנָה, "כִּי יֵשׁ סוֹבְלֵי חֳלָאִים, שֶׁיֵּשׁ לָהֶם מַכּוֹת מֻפְלָאוֹת, וְהֵם סוֹבְלִים הֶחֳלָאִים רַק בִּשְׁבִיל נְפִילַת הָאֱמוּנָה", וַוייל עֶס זֶענֶען דָא זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן וָואס לַיידְן מַחְלוֹת בְּלוֹיז וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה, "כִּי עַל יְדֵי נְפִילַת הָאֱמוּנָה, בָּאִים מַכּוֹת מֻפְלָאוֹת שֶׁאֵין מוֹעִיל לָהֶם - לֹא רְפוּאוֹת, וְלֹא תְּפִלָּה, וְלֹא זְכוּת אָבוֹת", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה אוּן עֶר לַיידְט נֶעבֶּעךְ פוּן דִי מַחְלוֹת וָואס קוּמְט פוּן חִסָּרוֹן אֱמוּנָה, דֶעמָאלְט הֶעלְפְט אִים נִישְׁט קַיין רְפוּאוֹת, עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין תְּפִלָּה אוּן אוֹיךְ נִישְׁט זְכוּת אָבוֹת.

זַיי מְחַזֵק דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער; לֵיין זֵיי פָאר דֶעם בְּרִיווּ. אַנְשְׁטָאט צוּ הֶערְן טָאג אוּן נַאכְט דִי נֵייעֶס זָאלְסְטוּ אָנְצִינְדְן אִין שְׁטוּבּ נִגּוּנֵי אֱמוּנָה, דָאס וֶועט בַּארוּאִיגְן דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ, עֶס וֶועט אַוֶועק נֶעמֶען אַלֶע פְּחָדִים.

דִי נֵייעֶס וַוארְפְט אַ שְׁרֶעק, עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס דָאס צוּ הֶערְן טָאג אוּן נַאכְט; עֶנְדֶערְשׁ רֶעד אוּן הֶער דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, וֶועסְטוּ נִישְׁט הָאבְּן קַיין שׁוּם פַּחַד.

...

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל אַז מִיר זָאלְן זִיךְ מַכְנִיעַ זַיין פַאר אִים**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ' אֲדָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

וואוּ מֶען גֵייט אוּן וואוּ מֶען שְׁטֵייט רֶעדְט מֶען נָאר פוּן דִי מַחְלָה וָואס דְרֵיידְט

זִיךְ אַרוּם דִי וֶועלְט: "קָארָאנֶע"; מֶענְטְשְׁן זֶענֶען דֶערְשְׁרָאקֶן, מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וָואס גֵייט פָּאר; קֵיינֶער כַאפְּט נִישְׁט אַז דָאס אִיז אַלֶעס פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר ווִיל מִיר זָאלְן צוּרִיק קוּמֶען צוּ אִים, מֶען זָאל רֶעדְן צוּ אִים, מֶען זָאל זִיךְ מַכְנִיעַ זַיין פַאר אִים.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר מַיין טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, אַז דוּ ווִילְסְט זִיךְ רַאטֶעוֶוען פוּן דִי קָארָאנֶע קְרֶענְק זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דִי עֵצָה פוּן אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (סַנְהֶדְרִין סג:): "אֵלִיָּהוּ הַצַּדִּיק הָיָה מְחַזֵּר עַל תְּפוּחֵי רָעָב שֶׁבִּירוּשָׁלַיִם", נָאכ'ן עֶרְשְׁטְן חוּרְבַּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אַרוּם גֶעגַאנְגֶען אִין דִי גַאסְן פוּן יְרוּשָׁלַיִם זִיךְ אוּמְקוּקְן אוּן הֶעלְפְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, וַוייל עֶס הָאט דַאן גֶעהֶערְשְׁט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶער הוּנְגֶער, "פַּעַם אַחַת מָצָא תִּינוֹק שֶׁהָיָה תָּפוּחַ וּמוּטָל בָּאַשְׁפָּה", אֵיינְמָאל הָאט עֶר גֶעטְרָאפְן אַ אִידִישׁ קִינְד וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְגֶעבְּלָאזְן פוּן הוּנְגֶער אוּן אִיז גֶעלֶעגְן אִין דִי מִיסְט רַחְמָנָא לִצְּלָן, "אָמַר לוֹ, מֵאֵיזֶה מִשְׁפָּחָה אַתָּה?" הָאט אִים אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא גֶעפְרֶעגְט: וֶוער בִּיסְטוּ אוּן וָואס אִיז מִיט דַיין מִשְׁפָּחָה, "אָמַר לוֹ, מִמִּשְׁפָּחָה פְּלוֹנִית אֲנִי", הָאט דָאס קִינְד גֶעעֶנְטְפֶערְט: אִיךְ קוּם פוּן אַ מִשְׁפָּחָה פוּן עֶטְלִיכֶע טוֹיזְנְט נְפָשׁוֹת, "אָמַר לוֹ, כְּלוּם נִשְׁתַּיֵּר מֵאוֹתָהּ מִשְׁפָּחָה?" הָאט אִים אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא גֶעפְרֶעגְט: אוֹיסֶער דִיר אִיז נָאךְ אֵיינֶער פוּן דַיין מִשְׁפָּחָה גֶעבְּלִיבְּן לֶעבְּן, "אָמַר לוֹ, לָאו, חוּץ מִמֶּנִּי". הָאט דָאס קִינְד גֶעעֶנְטְפֶערְט: נֵיין, אַלֶע זֶענֶען שׁוֹין אוֹיסְגֶעשְׁטָארְבְּן, נָאר אִיךְ בִּין גֶעבְּלִיבְּן לֶעבְּן, "אָמַר לוֹ, אִם אֲנִי מְלַמֶּדְךָ דָּבָר שֶׁאַתָּה חַי בּוֹ, אַתָּה לָמֵד?" הָאט אִים אֵלִיָּהוּ הַצַּדִּיק גֶעפְרֶעגְט: ווִילְסְט אִיךְ זָאל דִיר אוֹיסְלֶערְנֶען אַ זַאךְ וָואס וֶועט דִיר גֶעבְּן לֶעבְּן "אָמַר לוֹ, הֵן", הָאט דֶער קִינְד גֶעעֶנְטְפֶערְט: אַוַדַאי, "אָמַר לוֹ, אֱמוֹר בְּכָל יוֹם שְׁמַע יִשְׂרָאֵל ה' אֱלֹקֵינוּ ה' אֶחָד", הָאט אִים אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא גֶעזָאגְט: זָאג יֶעדְן טָאג דֶעם פָּסוּק "שְׁמַע יִשְׂרָאֵל ה' אֱלֹקֵינוּ ה' אֶחָד".

אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא גֶעבְּט אוּנְז אַן עֵצָה מִיר זָאלְן נִישְׁט וֶוערְן קְרַאנְק; מִיר זָאלְן חַזֶר'ן אֱמוּנָה, מִיר זָאלְן זָאגְן: "שְׁמַע יִשְׂרָאֵל ה' אֱלֹקֵינוּ ה' אֶחָד". דָאס נֶעמְט אַוֶועק אַלֶע מַחֲלוֹת אוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס.

זִינְג צוּ זִיךְ: "מְמַלֵּא כָּל עַלְמִין, וְסוֹבֵב כָּל עַלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת בִּלְעָדָיו יִתְבָּרֵךְ כְּלָל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אַלּוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם".

אִיךְ דַארְף מְקַצֵּר זַיין, אִיךְ דַארְף אַרַיין גֵיין צוּ דִי בָּחוּרִים; זֵיי וַוארְטְן אוֹיף אַבִּיסְל חִיזּוּק.

...

**גֵיין אִין מִקְוֶה פַאר׳ן שְׁרַייבְּן סִפְרֵי תּוֹרָה, תְּפִלִּין, אוּן מְזוּזוֹת.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ״א אֲדָר, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**זֵייעֶר גוּט טוּסְטוּ אַז דוּ שְׁרַייבְּסְט סִפְרֵי תּוֹרָה, תְּפִילִין אוּן מְזוּזוֹת נָאר נָאכְ׳ן גֵיין אִין מִקְוֶה; זָאלְסְטוּ וַוייטֶער אַזוֹי טוּן. אֲפִילוּ יֶעצְט וֶען אַלֶע מִקְוָאוֹת זֶענֶען פַארְשְׁפַּארְט, זָאלְסְטוּ אַפִּיר זוּכְן אַ מִקְוֶה אוּן זִיךְ טוֹבֵל׳ן.**

**שְׁרַייבּ נִישְׁט קַיין סִפְרֵי תּוֹרָה, תְּפִילִין אוּן מְזוּזוֹת נָאר אַז דוּ גֵייסְט פַאר דֶעם אִין מִקְוֶה.**

**קֶענְסְט גֵיין אִין ...., דָארְט אִיז דִי מִקְוֶה אָפְן.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

...

**אַ תְּפִלָּה צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיבֶּער דִי קָארָאנֶע וֶוייררוּס.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ״ב אֲדָר, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**פוּן זַיין דֶערְשְׁרָאקְן פוּן קָארָאנֶע וֶועסְטוּ גָארְנִישְׁט הָאבְּן; עֶס וֶועט דִיר נָאר שָׁאטְן צוּם גֶעזוּנְט. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין ק:): ״לָא תַּעֵיל דַּוְיָא בְּלִבָּךְ, דְּגַבְרֵי גִּיבָּרִין קְטַל דַּוְיָא״, נֶעם זִיךְ גָארְנִישְׁט צוּם הַארְצְן, וַוייל אַסַאךְ גִּבּוֹרִים זֶענֶען שׁוֹין גֶעשְׁטָארְבְּן פוּן דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן יֶעדֶע זַאךְ גֶענוּמֶען צוּם הַארְצְן; בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶס זָאל דִיר נִישְׁט שָׁאטְן אוּן נִישְׁט פַאר דַיין מִשְׁפָּחָה אוּן פַאר אַלֶע אִידְן.**

**דָא הָאסְטוּ אַ קְלֵיינֶע תְּפִלָּה וָואס צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן:**

**״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר אוּן מַיין מִשְׁפָּחָה אוּן אוֹיף אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער, יֶעדֶער זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק. הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף אוּנְז מִיר**

זָאלְן נִישְׁט גֶעשֶׁעדִיגְט וֶוערְן פוּן דִי מַחְלָה פוּן קָארָאנֶע; דִי אַלֶע אִידְן וָואס הָאבְּן דִי מַחְלָה זָאלְן הָאבְּן שְׁנֶעל אַ גַאנְצֶע רְפוּאָה, עֶס זָאל זֵיי נִישְׁט שָׁאטְן.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר, אִיךְ בִּין אַזוֹי דֶערְשְׁרָאקְן פוּן דִי קָארָאנֶע-וֵויירוּס, אִיךְ הָאבּ אַזוֹי מוֹרָא, מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז אֵיין שְׁטִיק שְׁרֶעק, אִיךְ הַאלְט עֶס נִישְׁט אוֹיס! טַאטֶע זִיסֶער, טַאטֶע גֶעטְרֵייעֶר, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין רוּאִיג, אִיךְ זָאל נִישְׁט לֶעבְּן מִיט פַּאנִיק אוּן שְׁרֶעק, אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען אַז דוּ מַאכְסְט אַלֶעס אוּן עֶס קֶען גָארְנִישְׁט פַּאסִירְן פוּן זִיךְ אַלֵיין. הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן דִיר, אִיךְ זָאל גְלֵייבְּן אַז דוּ בְּרֶענְגְסְט דִי קָארָאנֶע נָאר וַוייל דוּ ווִילְסְט אוּנְז בְּלוֹיז דֶערְמַאנֶען מִיר זָאלְן גֶעדֶענְקֶען אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוּן דוּ פִירְסְט דִי וֶועלְט, מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט אַיינְרֶעדְן אַז (דְּבָרִים ח, יז): "כֹּחִי וְעֹצֶם יָדִי עָשָׂה לִי אֶת הַחַיִל הַזֶּה", אוּנְזֶער שְׁטַארְקֵייט אוּן אוּנְזֶער כֹּחַ - דָאס גֶעבְּט אוּנְז לֶעבְּן.

יֶעצְט בֶּעט אִיךְ דִיר הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְּרֵיילִיךְ, הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ זָאל נִישְׁט זַיין דֶערְשְׁרָאקְן פוּן אַלֶע שְׁרֶעקֶעדִיגֶע מַחְשָׁבוֹת וָואס בּוּזְשֶׁעוֶוען אִין מִיר. אִיךְ שְׁפִּיר ווִי מַיינֶע כּוֹחוֹת לָאזְן זִיךְ אוֹיס; אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט קָאנְצֶעטְרִירְן אוֹיף גָארְנִישְׁט אוּן אִיךְ קֶען נִישְׁט אָנְגֵיין מִיט דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט, עֶס פַּיינִיגְן מִיר מַיינֶע מַחְשָׁבוֹת אָן אוֹיפְהֶער.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, דוּ בִּיסְט דָאךְ דֶער וָואס גֶעבְּט שֵׂכֶל אוּן פַארְשְׁטַאנְד, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ מִתְגַּבֵּר זַיין אוֹיף דֶער יֵצֶר הָרָע וָואס דְרֵיידְט מִיר אַ קָאפּ, אִיךְ זָאל נָאר טְרַאכְטְן פוּן דִיר אוּן פוּן דַיינֶע חֲסָדִים וָואס דוּ טוּסְט מִיט מִיר.

יוֹדֵעַ מַחְשָׁבוֹת הוֹשִׁיעָה נָא! הֶעלְף מִיר טַאטֶע אִיךְ זָאל זַיין גֶעזוּנְט פִיזִיש אוּן גֵייסְטִיש; אִיךְ זָאל קֶענֶען טְרַאכְטְן גְרָאד, אוּן ווִיסְן אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דִי וֶועלְט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַז דוּ בִּיסְט בַּאהַאלְטְן אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

אִיךְ בֶּעט דִיר טַאטֶע זִיסֶער, הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת אַלֶע צַדִּיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר דַיינֶעט וֶועגְן: בִּזְכוּת רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי, בִּזְכוּת רֶבִּי יִצְחָק לוּרְיָא אַשְׁכְּנַזִי, בִּזְכוּת רֶבִּי יִשְׂרָאֵל בַּעַל שֵׁם טוֹב, בִּזְכוּת רֶבִּי נַחְמָן בֶּן פֵיגָא מִבְּרֶסְלֶב, בִּזְכוּת רֶבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, בִּזְכוּת רַבֵּינוּ אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה מִבְּרֶסְלֶב. יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ ה' צוּרִי וְגוֹאֲלִי, אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן".

זָאג דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ', אִיךְ עֵצָה אִיר זִי זָאל נִישְׁט רוּפְן דֶעם אִידִישְׁן הָאט-לֵיין ...; עֶס אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט צוּ הֶערְן יֶעצְט דִי נֵייעֶס, זֵיי וַוארְפְן אַן אוּמְזִיסְטִיגֶע פַּאנִיק

און שְׁרֶעק, זָאג אִיר זִי זָאל אָנְצִינְדְן נִיגוּנִים פוּן אֱמוּנָה, זִי זָאל טַאנְצְן מִיט דִי קִינְדֶער נִיגוּנִים פוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, וֶועט זִי זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

...

**הֶער נִישְׁט קַיין נַייעֶס און פַאלאוֹ נִישְׁט סאוֹשֶׁעל מִידִיעֶ.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ״ב אֲדָר, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ וָואלְט אַייךְ גֶעראָטְן אִיר זָאלְט נִישְׁט הֶערְן קַיין נַייעֶס, בִּפְרַט יֶעצְט וֶוען זֵיי וַוארְפְן אָן אַ פַּאנִיק און אַ שְׁרֶעק אִיז בֶּעסֶער פַאר אַייךְ נִישְׁט צוּ הֶערְן דִי נַייעֶס; עֶנְדֶערְשׁ זָאלְט אִיר הֶערְן פְרֵיילִיכֶע נִיגוּנִים פוּן אֱמוּנָה און שִׂמְחָה וֶועט אִיר זַיין שְׁטַארְק, אִיר וֶועט הָאבְן כֹּחַ פִיזִישׁ און גֵייסְטִישׁ (פִיזִיקְלִי און מֶענְטֶעלִי). דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז עֵצוֹת אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ; דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת פַּחַד, סִימָן יא): ״מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ פְּחָדִים, יְזַמֵּר זֶמֶר שֶׁל שִׂמְחָה״, וֶוער עֶס אִיז דֶערְשְׁרָאקְן זָאל זִינְגֶען פְרֵיילִיכֶע נִיגוּנִים״.

פַאר אַייעֶר טוֹבָה זָאלְט אִיר אָפְּלָאזְן דִי נַייעֶס; אַ רַחֲמָנוּת אוֹיף דִי וָואס זֶענֶען צוּגֶעבִּינְדְן צוּ דֶעם. מֶען קֶען זֶען אַן אוּנְטֶערְשֵׁייד צְוִוישְׁן דִי וָואס הָאבְן סָאשֶׁעל מִידְיֶע און דִי וָואס הָאבְן פָּשׁוּט׳עֶ טֶעלֶעפָאנְס אָן קַיין וַואטְס-עֶפְּפ, אָן קַיין סְטֶעטוּס; דִי וָואס הָאבְן וַואטְס-עֶפְּפ און סְטֶעטוּס וְכַדּוֹמֶה דִי זֶענֶען דֶערְשְׁרָאקְן צוּם טוֹיט, יֶעדֶע רֶגַע שְׁפְּרִינְגְט אַרוֹיף אַ פְרִישֶׁע שְׁרֶעק, אַ פְרִישֶׁע קָאפּ פַארְדְרֵייעֶנִישׁ, ווִידֶערְאוּם דִי וָואס הָאבְן נִישְׁט דִי אַלֶע כֵּלִים דִי לֶעבְן אַ פְרֵיילִיכֶע לֶעבְן.

טַאנְצְט מִיט אַייעֶרֶע קִינְדֶער דִי נִיגוּן: ״אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז זִיכֶער גוּט, אֲפִילוּ וֶוען עֶס זֶעט אוֹיס שְׁלֶעכְט, וַוייס אִיךְ עֶר אִיז גֶערֶעכְט; מֶען דַארְף נָאר אֵיין זַאךְ זֶען, אִיךְ זָאל אֵייבִּיג רֶעדְן צוּ אִים; אִיבֶּערְשְׁמוּעֶסְן יֶעדֶע זַאךְ, וֶועט עֶס וֶוערְן בֶּעסֶער גְלַייךְ״.

...

**הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק נִישְׁט צוּ וֶוערְן דֶערְשְׁרָאקְן.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ״ג אֲדָר, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף זִיךְ אוּן אוֹיף דַיין מִשְׁפָּחָה, זָאלְסְט פָּאלְגְן וָואס דִי רֶעגִירוּנְג הֵייסְט; דְרֵיי זִיךְ נִישְׁט אִין פְּלֶעצֶער מִיט אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן עֶס וֶועט קוּמֶען אַ רְפוּאָה אוּן אַ יְשׁוּעָה.

גֶעבּ אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ הֶערְן קַיין שׁוּם נַייעֶס אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט אַרֵיינְפַאלְן אִין קַיין שְׁרֶעק, וַוייל דִי סַכָּנָה פוּן דִי שְׁרֶעק אִיז עֶרְגֶער פוּן דִי מַחֲלָה זֶעלְבְּסְט. אֲפִילוּ מֶען דַארְף יֶעצְט זַיין אִין שְׁטוּבּ וְכוּ׳ מֶען קֶען נִישְׁט גֵיין צְווִישְׁן אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן דַארְף מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן זִיךְ הַאלְטְן שְׁטַארְק בֶּאֱמוּנָה פְּשׁוּטָה, וַוייל דִי שְׁרֶעק דָאס אִיז עֶרְגֶער פוּן דִי מַחֲלָה.

דֶער הֵיילִיגֶער בֶּן אִישׁ חַי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בְּרֶענְגְט אַ מַעֲשֶׂה פֶּלֶא (בֶּן יְהוֹיָדָע בָּבָא קַמָּא, דַף ס מִדַּפֵּי הַגְּמָרָא) וָואס הָאט פַּאסִירְט, אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁוֶוערֶע עֶפִּידֶעמְיֶע, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מַגֵּיפָה, אַ מַחֲלָה מִיט׳ן נָאמֶען קוֹלִירֶ״ע. פַאר דִי מַחֲלָה הָאט זִיךְ פַארְשְׁפְּרֵייט הָאט אֵיינֶער גֶעטְרָאפְן דֶעם מַשְׁחִית וָואס אִיז גֶעוֶוען גֶעשְׁטֶעלְט אַרֵיין צוּ בְּרֶענְגֶען דִי קְרֶענְק, עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט דִי מַשְׁחִית וִויפִיל מֶענְטְשְׁן עֶר גֵייט הַרְגֶ׳נֶען דוּרְךְ דִי קְרֶענְק קוֹלִירֶ״ע, הָאט עֶר גֶעזָאגְט פִינְף טוֹיזְנְט מֶענְטְשְׁן, לְמַעֲשֶׂה זֶענֶען גֶע׳הַרְגֶ׳ט גֶעוָוארְן פוּפְצְן טוֹיזְנְט נְפָשׁוֹת דוּרְךְ דִי מַחֲלָה קוֹלִירֶ״ע, שְׁפֶּעטֶער הָאט מֶען גֶעפְרֶעגְט דֶעם מַשְׁחִית: ״פַארְוָואס זָאגְסְטוּ לִיגְנְט? הָאסְט גֶעזָאגְט אַז דוּ גֵייסְט הַרְגֶ׳נֶען מִיט דִי קוֹלִירֶ״ע פִינְף טוֹיזְנְט מֶענְטְשְׁן, לְמַעֲשֶׂה הָאסְטוּ גֶע׳הַרְגֶ׳ט פוּפְצְן טוֹיזְנְט מֶענְטְשְׁן?״ הָאט דֶער מַשְׁחִית גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״אִיךְ הָאבּ נָאר גֶע׳הַרְגֶ׳ט מִיט מַיין שְׁוֶוערְד קוֹלִירֶ״ע פִינְף טוֹיזְנְט מֶענְטְשְׁן, דִי אִיבֶּערִיגֶע צֶען טוֹיזְנְט זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן פוּן שְׁרֶעק אוּן פַּאנִיק״. דֶער בֶּן אִישׁ חַי זָאגְט (שָׁם): ״וֶוען עֶס הֶערְשְׁט אַ מַגֵּיפָה זָאל מֶען אַנְטְלוֹיפְן פוּן הֶערְן אוּן זֶען, מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערְן דֶערְשְׁרָאקְן״.

הַיינְט נַאכְט וֶועט נִישְׁט פָארְקוּמֶען דֶער וֶועכְנְטְלִיכֶער שִׁיעוּר אִין יְשִׁיבָה, דֶער שִׁיעוּר וֶועט פָארְקוּמֶען אוֹיפְ׳ן טֶעלֶעפָאן, מֶען וֶועט דָאס קֶענֶען מִיט הַאלְטְן אוֹיף

קוֹל בְּרֶסְלֶב.

שַׁבָּת וֶועט מֶען נִישְׁט קֶענֶען דַאוֶוענֶען מִיט׳ן גַאנְצְן עוֹלָם, מֶען וֶועט זִיךְ מוּזְן צֶעטֵיילְן אִין קְלֵיינֶע מִנְיָנִים.

...

עֶס קוּמְט שׁוֹין אָט אָט גְרוֹיסֶע נִיסִים.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ״ג אֲדָר, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ בִּיסְט גֶעזוּנְט; יֶעצְט זֶעעֶן אַלֶע וָואס דָאס וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ אִין לֶעבְּן אִיז, מֶענְטְשְׁן ווילְן גָארְנִישְׁט, מֶענְטְשְׁן דַארְפְן גָארְנִישְׁט, מֶענְטְשְׁן ווילְן אֵיין זַאךְ: מֶען וויל זַיין גֶעזוּנְט. מֶען רֶעדְט נִישְׁט פוּן קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע זַאךְ, נִישְׁט דָא קַיין נַייעֶס, נִישְׁט דָא קַיין מִלְחָמוֹת, נִישְׁט דָא גָארְנִישְׁט עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ נָאר אֵיין זַאךְ, מֶענְטְשְׁן ווילְן זַיין גֶעזוּנְט; דַארְפְסְטוּ דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ מִיט דַיין מִשְׁפָּחָה זֶענֶען גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, מֶען דַארְף טַאקֶע זַיין אַיינְגֶעשְׁפַּארְט אִין שְׁטוּבּ, מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט אִיבֶּערְצוּוֶועמֶען חַס וְשָׁלוֹם דִי מַחֲלוֹת, אָבֶּער מֶען טָאר נִישְׁט זַיין אִין פַּחַד, מֶען טָאר נִישְׁט זַיין דֶערְשְׁרָאקְן; מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען אוּן ווִיסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַלֶעס אוּן טוּט אַלֶעס אוּן גָארְנִישְׁט פַּאסִירְט נִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיין, אַלֶעס אִיז מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן, אַלֶעס פִירְט עֶר אַלֵיינְס.

פַארְבְּרֶענְג מִיט דַיינֶע קִינְדֶער אִין שְׁטוּבּ; זָארְג נִישְׁט, דִי יְשׁוּעָה אִיז שׁוֹין דָא, עֶס קוּמְט שׁוֹין אָט אָט גְרוֹיסֶע נִיסִים, מֶען וַוארְט פָּשׁוּט אַז יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל זִיךְ עֶפֶענֶען דָאס מוֹיל אוּן זָאגְן אַ וָוארְט, מֶען זָאל גֶעבְּן אַ שְׁרַיי: ״טַאטֶע, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף אַלֶע חוֹלֵי יִשְׂרָאֵל זָאלְן הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה״, וֶוען אַלֶע וֶועלְן עֶפֶענֶען דָאס מוֹיל, אַלֶע וֶועלְן וִויסְן אַז עֶס אִיז דָא נָאר אֵיין אַדְרֶעסְס, עֶס אִיז דָא נָאר אֵיין פְּלַאץ צוּ וֶוערְן גֶעהָאלְפְן, נָאר בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס, דֶעמָאלְט קוּמְט דִי יְשׁוּעָה.

זָאג דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער זֵיי זָאלְן נִישְׁט רוּפְן הֶערְן נַייעֶס.

...

**דוּרְךְ פַּאטְשְׁן אוּן טַאנְצְן נֶעמְט מֶען אַרָאפּ אַלֶע דִּינִים פוּן אִידְן.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ, פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי - הַחוֹדֶשׁ, כ"ד אֲדָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיינֶע טַייעֶרֶע בְּרִידֶער, מַיינֶע טַייעֶרֶע חֲבֵרִים פוּן יְרוּשָׁלַיִם, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ.**

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, יֶעצְט וֶוען אַלֶע לֶעבְן אִין פְּחָדִים פוּן דִי מַחֲלָה וָואס גֵייט אַרוּם אִין אַלֶע לֶענְדֶער, דִי מַחֲלָה פוּן קוֹרוֹנָה, זָאלְט אִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין אֱמוּנָה; גְלֵייבְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז בַּאהַאלְטְן אִין דֶעם אוּן עֶס וֶועט אַרוֹיס קוּמֶען פוּן דֶעם נָאר גוּטְס; ווִי מֶער אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין זִיךְ אַלְץ רוּאִיגֶער אִיז מֶען, מֶען וֶוערְט נִישְׁט פַּארְלוֹירְן אוּן דֶערְשְׁרָאקְן.

אַז אִיר וֶועט זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן רוּאִיג וֶועט אִיר קֶענֶען בַּארוּאִיגְן אַייעֶר וַוייבּ אוּן קִינְדֶער; אַנְשְׁטָאט זִיצְן אִין שְׁטוּבּ אוּן זִיךְ אָפְּרֶעדְן זָאלְט אִיר טַאנְצְן מִיט דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה: "אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז גוּט", מִיט דֶעם וֶועט אִיר אַוֶועק נֶעמֶען אַלֶע דִּינִים אוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן י): "כְּשֶׁיֵּשׁ חַס וְשָׁלוֹם דִּינִים עַל יִשְׂרָאֵל, עַל יְדֵי רִיקוּדִים וְהַמְחָאַת כַּף אֶל כַּף נַעֲשֶׂה הַמְתָּקַת הַדִּינִים", דוּרְךְ פַּאטְשְׁן אוּן טַאנְצְן נֶעמְט מֶען אַרָאפּ אַלֶע דִּינִים פוּן אִידְן.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט נִישְׁט אַרַיין נֶעמֶען אִין שְׁטוּבּ קֵיין שׁוּם צַייטוּנְגֶען אֲפִילוּ פוּן דִי פְרוּמֶע, אוּן אוֹיךְ זָאלְט אִיר נִישְׁט רוּפְן הֶערְן דִי נַייעֶס - דֶעמָאלְט וֶועט אִיר לֶעבְן אַ רוּאִיגֶע לֶעבְן. דֶער גַאנְצֶער צַייטוּנְג אִיז גֶעבּוֹיט צוּ לֵייגְן אַ שְׁרֶעק אוֹיף מֶענְטְשְׁן, דָאס אִיז זֵייעֶר גַאנְצֶע זַאךְ; אוֹיבּ עֶס אִיז נִישְׁט דָא קֵיין שׁוּם שְׁרֶעק אִיז אוֹיס נַייעֶס, זֵייעֶר גַאנְצֶע זַאךְ אִיז נָאר אַרַיין לֵייגְן אִין מֶענְטְשְׁן פְּחָדִים, דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ אַייךְ אִיר זָאלְט נִישְׁט הֶערְן אוּן נִישְׁט לֵיינֶען קֵיין שׁוּם נַייעֶס. אַז אִיר ווִילְט הֶערְן נַייעֶס זָאלְט אִיר עֶפֶענֶען אַ חוּמָשׁ, דָארְט וֶועט אִיר זֶען דִי נַייעֶס פוּן דִי וָואךְ, לֶערְנְט יֶעדְן טָאג דֶעם דַף גְמָרָא - דָאס אִיז אוּנְזֶער נַייעֶס. וְעַל כּוּלָם, לֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, וֶועט אִיר זֶען דִי נַייעֶס אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער וָואס פִירְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, עֶר אִיז מְחַיֶּ' וּמְהַוֶּה אַלֶעס, גָארְנִישְׁט פַּאסִירְט נִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיין, גָארְנִישְׁט גֶעשֶׁעהט פוּן זִיךְ, אַלֶעס אִיז בְּהַשְׁגָּחָה.

נָאךְ אֵיין זַאךְ בֶּעט אִיךְ אַייךְ, יֶעצְט וֶוען אַלֶע זֶענֶען צֶעשָׁאקֶלְט אִיז אַ גוּטֶע צַייט צוּ גֵיין הַפָּצָה, יֶעצְט קֶען מֶען רֶעדְן צוּ מֶענְטְשְׁן פוּן אֱמוּנָה, אֲפִילוּ דִי סָארְט מֶענְטְשְׁן וָואס ווילְן נִישְׁט הֶערְן פוּן רֶבִּי׳ן, יֶעצְט וֶוען מֶען אִיז צֶעשָׁאקֶלְט, מֶען אִיז דֶערְשְׁרָאקְן פוּנֶעם גִיבּוֹר וָואס קוּמְט נֶענְטֶער אוּן נֶענְטֶער (עַיֵּין סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה יב) דֶעמָאלְט הֶערְט מֶען אוֹיס דֶעם בַּעַל תְּפִילָה; זָאלְט אִיר אַלֶע גֵיין הַפָּצָה.

מִיר הָאבְּן אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן אַ קוּנְטְרֵס מִיטְ׳ן נָאמֶען: ״קוֹרוֹנָה ווירוּס״; הַלְוַאי זָאלְט אִיר דָאס פַּארְשְׁפְּרֵייטְן אִין גַאנְץ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, מֶענְטְשְׁן וָואס נֶעמֶען נִישְׁט קַיין קוּנְטְרֵסִים אַ גַאנְץ יָאר וֶועלְן דָאס יָא נֶעמֶען, וֶועלְן מִיר דוּרְכְדֶעם קֶענֶען בְּרֶענְגֶען דִי גְאוּלָה.

אַ פְרֵיילִיכֶע גְרִינְגֶע עֶרֶב פֶּסַח.

...